# ייִוואָ בלעטער

## שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

### באַנד XLV

ייִדן אין צענטראַל־ און מיזרח־אייראָפּע
אין 18טן און 19טן י״ה

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ

ניו־יאָרק, 1975

# מאַטעריאַלן און נאָטיצן

## עלף בריוו פֿון שליחים פֿון דער מעצער קהילה

פֿון שמואל קערנער

### אַרײַנפֿיר

אין דער ביבליאָטעק פֿון כּי״ח (Alliance Israélite Universelle) אין פּאַריז האָב איך צופֿעליק אָנגעטראָפֿן אין די פּאַפּירן פֿונעם געוועזענעם אייבערראַבינער פֿון מעץ, אַבֿרהם כּהן, אַ בינטל ייִדישע בריוו — סך־הכּל עלף.[1] זיי זענען געבליבן אומבאַקאַנט און ממילא ניט אויסגענוצט, הגם זיי פֿאַרמאָגן אַ היפּשע צאָל אינפֿאָרמאַציע אין דער ערשטער ריי וועגן די דיפּלאָמאַטישע — דאָס איז טאַקע דאָס ריכטיקע וואָרט — טעטיקייטן פֿון די שליחים פֿון דער קהילה אין מעץ אין די יאָרן 1717/18 און 1733, ווי אויך וועגן דער קהילה. איין בריוו איז נאָך עלטער, ער איז דאַטירט 1712.

די דאָזיקע דאָקומענטן לאָזן זיך כראָנאָלאָגיש איינטיילן אין דרײַ גרופּעס:

(א) איין איינציקער בריוו פֿון ג׳ כּסלו תע״ג (1712);

(ב) זיבן בריוו פֿון די יאָרן תע״ז—תע״ח (1717—1718);

(ג) דרײַ בריוו פֿון תצ״ג (1733).

די קאָרעספּאָנדענץ איז, צום באַדויערן, אַן איינזײַטיקע: די ענטפֿערס פֿון דער קהילה זענען נישט פֿאַראַן. די הערות אויף די בריוו באַווײַזן אַז די קהילה־פֿאַרשטייערס האָבן נישט געלאָזט קיין איינציקן בריוו אָן אַן ענטפֿער, אָבער וועגן זייער קוקווינקל, זייערע אַרגומענטן און אָפּשאַצונגען פֿון דער סיטואַציע און פֿון די מענטשן וואָס מיט זיי איז אויסגעקומען צו פֿאַרהאַנדלען — וועגן אָט דעם אַלעמען האָבן מיר קיין דאָקומענטן ניט. גאָר פֿראַגמענטאַריש דערמאָנען די דאָזיקע פּונקטן די שליחים אַליין אין זייערע בריוו, און כּמעט אין אַלע פֿאַלן נאָר אונטערצושטרײַכן, אַז זיי, זײַענדיק אויפֿן אָרט און האָבנדיק טאָג־טעגלעכן מגע־ומשא מיט זייערע פּאַרטנערס, האָבן אַ בעסער פֿאַרשטענדעניש און אַ בעסערע אָריענטאַציע ווי די קהל־לײַט וואָס זיצן אין מעץ. מען קאָן אָבער שטעלן די פֿראַגע, צי דווקא זיי, דאָרט אין מעץ, זענען נישט געווען אין אַ בעסערער סיטואַציע. איך מיין, צי די דיסטאַנץ, די מעגלעכקייט רויקער אָפּצוּוועגן די געשטעלטע פֿראַגע, האָט נישט געהאָלפֿן צו אַ מער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פֿון די דיפּלאָמאַטישע מעטאָדן, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט אָנצווענדן. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ גליקלעכער צופֿאַל וועט אונדז אַ מאָל אַנטפּלעקן די דאָזיקע קהילה־קאָרעספּאָנדענץ.

די מחברים. ווער זײַנען די מחברים פֿון די בריוו? אונטער דעם דאָקומענט נומ׳ 1 שטייען דרײַ אונטערשריפֿטן: איצק שפּייאַר, שלמה זלמן כּהן און אברלי (אַבֿרהם) מערכינגן. איצק שפּייארס אונטערשריפֿט געפֿינען מיר אויך אין די נומ׳ 5, 7 און 8, אין די צוויי לעצטע צוזאַמען מיט שלמה־זלמן כּהן. די דאָקומענטן נומ׳ 2, 3, 4 און 6 זענען אונטערגעשריבן פֿון ישי ווילשטט. דער בריוו נומ׳ 6 פֿאַרמאָגט אַחוץ דער חתימה אויך אַ זיגל פֿון רויטן וואַקס,

1 Bibl. AIU, Ms 566.II.

18 מילימעטער אין דיאַמעטער און איבער דעם הערב וואָס שטעלט פֿאָר צוויי מענטשעלעך וואָס האַלטן זיך בײַ די הענט און טאַנצן(?), געפֿינט זיך די אויפֿשריפֿט: ישי ווילשטט.

די לעצטע דרײַ דאָקומענטן האָבן די אונטערשריפֿט פֿון יצחק איצק קאַבלענץ מזיא; דער דאָקומענט נומ׳ 10 איז געחתמעט מיט אַ קײַלעכדיקן זיגל פֿון רויטן וואַקס. אין מיטן, אַרומגענומען מיט אַ מין געצווײַג, זעט מען אַ לויפֿנדיקן הירש, אונטער אים — אַ שטערן. אויפֿן ראַנד פֿון דעם זיגל קאָן מען איבערלייענען די אויפֿשריפֿט: יצחק איצק בן הר״ר מנחם יעקב מזיא.

מיר ווייסן גאָר ווייניק וועגן דער פֿאַמיליע ווילשטט, הגם ווי ס׳זעט אויס, האָט זי פֿאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן און פֿינאַנציעלן לעבן פֿון דער מעצער קהילה. די ווילשטטס האָבן שפּעטער אָנגענומען אַן אַנדערן נאָמען: לאַמבערט. אַזוי שרײַבט, למשל, נעטטער אין זײַן בוך,[2] אַז Samuel, Fils de Cerf Lévy איז געוואָרן אַ שותּף פֿון Isaïe Lambert (Willstadt) וואָס האָט אין 1708 געעפֿנט אַ באַנק און מאַגאַזין אין לונעוויל. דער נאָמען אַליין שטאַמט, דאַכט זיך, פֿון דעם נאָמען פֿון אַ דײַטשישן דאָרף ווילשטאט Willstätt, Willstett.

די ווילשטטס זענען געווען אַ ברייט פֿאַרצווײַגטע משפּחה. מייניסטנס זענען דאָס געווען רײַכע לײַט מיט אַ גרויסער דעה אין דער קהילה. אין דעם נאָך ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטן פּינקס פֿון דער ייִדישער קהילה אין מעץ פֿאַר די יאָרן 1749—1789 געפֿינען זיך עלף רשימות פֿון דרײַ גרופּעס בעלי־בתּים, וואָס מען האָט געפֿלעגט צוזאַמענשטעלן אַלע דרײַ יאָר. די גרופּעס ווערן אָנגערופֿן: כּת עשירים, כּת בינונים און כּת פּחותים — לויט זייער פֿאַרמעגן. אין אָט די דאָזיקע רשימות פֿיגורירן כּסדר די מיטגלידער פֿון דער משפּחה ווילשטט אין דער גרופּע פֿון די רײַכע: אין 1753 — צוויי, 1756 — דרײַ, 1759 — דרײַ, 1762 — דרײַ, 1768 און 1771 — פֿינף, 1777 און 1780 — פֿיר, 1783 — ווידער דרײַ, צו לעצט אין 1786 — נאָר צוויי. די ציפֿערן באַווײַזן דאַכט זיך אַן אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג: אַן אויפֿשטײַג פֿון 1753 ביז 1768—1771 (דער העכסטער פּונקט) און דערנאָך — אַן אַראָפּגאַנג.

די משפּחה ווילשטט איז אָבער אויך פֿאַרטראָטן אין דער גרופּע פֿון בינונים און אַפֿילו פֿון די פּחותים.

וואָס שייך אַנדערע מחברים, איז אונדז ניט געלונגען אויסצוגעפֿינען ביאָגראַפֿישע פּרטים. נאָר יצחק איצק קאַבלענץ מזיא האָבן מיר ווידער געטראָפֿן ווי אַ פּראָטאָקאָל־פֿירער פֿון די זיצונגען פֿון דעם מעצער קהל. די פּראָטאָקאָלן געפֿינען זיך אין דעם ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטן פּינקס פֿון דער מעצער קהילה, פֿאַר די יאָרן 1760—1761. ער שרײַבט זיך דאָרט אונטער: שמש ונאמן דק״ק מיץ.

די בריוו זאָגן עדות, אַז די שליחים זענען געווען ניט נאָר באַהאַוונטע מענטשן, נאָר אויך ענערגישע פֿאַרטיידיקערס פֿון די אינטערעסן פֿון דער קהילה אין אַ שווערער צײַט. זיי האָבן זיך אָריענטירט אין דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער לאַגע ניט נאָר אין פֿראַנקרײַך גופֿא. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט קיין שלעכטע דיפּלאָמאַטן, וואָס האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו רעדן מיט די פֿאַרשיידענע „תּקיפֿים", זייערע פּאַרטנערס און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ פֿײַנעם חוש אין דער אָפּשאַצונג פֿון זייערע כאַראַקטערס. מיר זעען אויך ווי טיף זיי האָבן פֿאַרויסגעפֿילט די סכּנות וואָס שטייען פֿאַר דער קהילה, נישט נאָר פֿון דרויסן, נאָר אויך פֿון אינעווייניק, און זיי דריקן אויס זייער זאָרג איבערן שפּלן מצבֿ אין דער קהילה גופֿא.

ד י  ה ו י פּ ט פּ ר אָ ב ל ע ם. (1) כּדי צו פֿאַרשטיין דעם אינהאַלט פֿון די בריוו, איז נייטיק צו געבן אַ פּאָר הויפּטשטריכן פֿון דער געשיכטלעכער און פּאָליטישער לאַגע אין דעמאָלטיקן פֿראַנקרײַך.

די קהילה־שליחים האָבן געמוזט פֿירן זייער אַקציע אין אַ פֿאַרוויקלטער און דעליקאַטער פּאָליטישער סיטואַציע וואָס איז אַנטשטאַנען נאָכן פֿאַרשווינדן פֿונעם קיניג לוי דעם פֿערצנטן אין 1715. די פּאָליטישע כּוחות, וואָס זענען געווען דערדריקט אונטער דער שטאַרקער אויטאָריטעט פֿונעם „זון־קיניג", האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו רירן. אין דער ערשטער ריי גייט

[2] N. Netter, *20 siècles d'histoire d'une communauté juive*, Paris, 1938, 95-96.

דאָ וועגן דעם פּאַרלאַמענט. געצוווּנגען צו שווײַגן אונטער לויִ דעם פֿערצנטן, האָט ער זיך תּיכּף נאָך זײַן טויט נוקם געווען: ער האָט בטל געמאַכט דעם פֿאַרשטאָרבענעם מלכּס צוואה און איבערגעגעבן די אַזוי גערופֿענע „רעזשאַנס" דעם הערצאָג פֿון אָרלעאַן.

דער פּאַרלאַמענט — ער ווערט אָפֿט דערמאָנט אין די בריוו — האָט געהאַט אין זײַן מאַכט די אַלגעמיינע השגחה איבער די מלוכה־געשעפֿטן. ער האָט זיך איצטער דערלויבט צו מאַכן אַזוי גערופֿענע „רעמאָנטראַנסן", דאָס הייסט רעדעס, אין וועלכע ער פֿלעגט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם קיניגס פֿאַראָרדענונגען, די עדיקטן, אַ זאַך וואָס ער האָט זיך נישט דערוועגט צו טאָן בײַ לויִ דעם פֿערצנטנס לעבן.

פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן די הויפֿלײַט אויך ווידער געפּרוווט אויפֿהייבן דעם קאָפּ, וואָס ס'האָט מסתּמא געמוזט פֿירן צו אינטריגעס און פֿאַרשאַרפֿטע ריוואַליטעטן. דער געעלטער־טער מאַרשאַל דע ווילאַר — אויך פֿון אים רעדט מען אין די בריוו — באַזײַטיקט דורך לויִ דעם פֿערצנטן — האָט געהאַלטן אַז אים קומט נישט קיין קלענערע ראָלע אין דער מלוכה ווי דעם רעגענט. אַ פֿאַרביסענער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אים און דעם רעגענט — שרײַבט ש. זשיראָ אין זײַן ביאָגראַפֿיע פֿון דעם מאַרשאַלס פֿרוי.[3] דער רעגענט האָט געוואָלט פֿאַרמײַדן יעדן אַרײַנמישונג פֿון דעם מאַרשאַל, וואָס האָט דווקא געשטרעבט אַרײַנצודרינגען אין סאַמע מיטן פֿון די מלוכה־געשעפֿטן. דער אַלטער מאַרשאַל האָט זיך געשטיצט נישט נאָר אויף זײַן אויטאָריטעט. ער האָט געהאַט די הילף פֿון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, און וואָס ס'איז גאָר וויכטיק: דער יונגער קיניג לויִ דער פֿופֿצנטער האָט אים געשענקט די גרעסטע סימפּאַטיע.

אָט צווישן די דרײַ מאַכטצענטערס — דער פּאַרלאַמענט, דער רעגענט און די „תּקיפֿים", די פֿאַרשיידענע דוכסן, מיניסטאָרן אד"גל — האָבן די קהילה־שליחים געפּרוווט געפֿינען אַן ענטפֿער אויף זייערע דריקנדיקע פּראָבלעמען.

(2) צוויי הויפּטפּראָבלעמען, צווישן זיך ענג פֿאַרבונדן, געפֿינען זיך אין מיטלפּונקט פֿון אונדזערע בריוו. ערשטנס, די פֿראַגע פֿון אַ באַשטעטיקונג פֿון דער דערלויבעניש צו וווינען אין מעץ, אָבער דערעיקרשט אין דער סבֿיבֿה, אָדער, ווי די ייִדן האָבן עס דעמאָלט גערופֿן, אין דער „מדינה". (פֿאַר מעץ אַליין פֿלעגט מען געברויכן דאָס וואָרט: „מקום".) פֿון די בריוו דרינגט אַפֿילו אַרויס, אַז די ייִדן האָבן דעמאָלט זיך געפֿונען אין אַ סכּנה פֿון גירוש.

דער מצבֿ פֿון די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, און בפֿרט אין מעץ, אין דער עפּאָכע פֿון לויִ דעם פֿערצנטן, איז נאָך, צום באַדויערן זייער ווייניק אויסגעפֿאָרשט. והאַ־ראַיה, אַז אין דער נײַסטער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע געפֿינט מען נישט קיין איינציק וואָרט וועגן אָט דער טעמע! ס'זעט אויס אַז דער קיניג האָט זיך פֿאַרהאַלטן רעלאַטיוו ניט שלעכט צו די ייִדן אין מעץ, ער איז אַפֿילו איין מאָל, אין 1657, געקומען מיט אַ וויזיט אין דער אַלטער שול. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די מחברים פֿון די בריוו שרײַבן תּמיד: לויִ י"ד ע"ה [עליו השלום].

נאָך זײַן טויט אין 1715, האָט זיך די לאַגע געמוזט בײַטן — און נישט לטובֿת ייִדן. און דאָ קומען מיר טאַקע צו דער צווייטער הויפּטפֿראַגע, וואָס וועגן איר ווערט אַזוי פֿיל געשריבן אין די בריוו, צו די באַרימטע „מעות בראַנקאַס", צו דער taxe Brancas.

די ייִדן אין מעץ האָבן געמוזט אַרײַנטראָגן דעם קיניג אַן אָפּצאָל יעדער יאָר — פֿאַרן רעכט צו מעגן וווינען, פֿאַרן רעכט צו זײַן טאָלערירט און פֿאַרן רעכט צו זײַן געשיצט (droit d'habitation, protection et tolérance). מיט דער צײַט האָט דער קיניג אָפּגעטראָטן דעם דאָזיקן אָפּצאָל לטובֿת דער פֿאַמיליע בראַנקאַס. יעדער ייִדישע משפּחה איז מחויבֿ געווען צו צאָלן 40 ליווער אַ יאָר. אין 1718, אויפֿן סמך פֿון אַ פּאַטענטבריוו, איז דער דאָזיקער אָפּצאָל רעדוצירט געוואָרן צו דער סומע פֿון 20,000 ליווער אַ יאָר; איין דריטל פֿון דער סומע האָבן געזאָלט צאָלן די ייִדישע בעלי־בתּים פֿון דער פּראָווינץ („המדינה"), צוויי דריטל — די ב"ב פֿון מעץ גופֿא.

דאָ דערלויבן מיר זיך צו מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע: מחמת דעם דאָזיקן שטײַער האָט די מעצער קהילה געהאַט יעדער יאָר אַ ריזיקן דעפֿיציט, ווײַל די בעלי־בתּים פֿון דער פּראָווינץ האָבן פּשוט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן.

[3] C. Giraud, *La maréchale de Villars et son temps*, Paris, 1881, 161–162.

פֿון 1718 ביז 1742 האָבן די גובֿים פֿון דער מעצער קהילה אײַנגעמאָנט דעם אָפּצאָל. זינט 1742 ביז 1789 האָט מען געמאַכט רשימות, וואָס מען האָט געפּלעגט איבערגעבן די פֿאָרשטייערס אין יעדער אָרט, ווו ייִדן האָבן געוווינט; זיי האָבן געזאַמלט די געלטער און שפּעטער אַרײַנגעטראָגן אין דער קאַסע פֿון די גובֿים אין מעץ.

לויט אַן אומפֿאַרעפֿנטלעכטן דאָקומענט[4] Rapport sur l'affaire des Juifs האָבן די כ״ב פֿון דער „מדינה“ געזאָלט צאָלן יעדער יאָר קנאַפּע נײַן טויזנט ליווער, ווי זייער טייל פֿון די בשותּפֿותדיקע הוצאָות, אין דעם אויך די „מעות בראַנקאַס“. פּאַקטיש אָבער האָבן זיי געצאָלט נאָר 1,800 ליווער.

אין דעם דערמאָנטן דאָקומענט, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן עטלעכע יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1789 און וואָס איז, ווי עס ווײַזט אויס, אַדרעסירט צום דירעקטאָריאַט, ווערן ציטירט די אַרגומענטן פֿון די ייִדן פֿון דער „מדינה“ קעגן די טענות פֿון דער מעצער קהילה, וואָס האָט געפֿאָדערט פֿון זיי די נישט קליינע סומע פֿון 437,554 ליווער ווי אַ ניט־באַצאָלטן חובֿ כּלפּי דער קהילה.

די ייִדן פֿון דער „מדינה“ האָבן געטענהט, אַז די מעצער ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פֿאַרלאַנגען פֿון זיי בײַצושטײַערן פֿאַר די קהילה־הוצאָות. ערשטנס, ווײַל די פּראָווינצער ייִדן זענען קיין מאָל נישט געווען „איין גוף“ מיט דער מעצער קהילה; צווייטנס, ווײַל זיי האָבן נישט מיטגעאַרבעט מיט „זייער פֿאַרדאַרבענער אַדמיניסטראַציע“ [דאָס מיינט מען קהל]; דריטנס, זיי האָבן נישט געהאַט קיין חלק אין די אַלע פּריווילעגיעס וואָס די מעצער ייִדן האָבן באַקומען. צו לעצט זאָגן זיי, אַז די פֿאַרלאַנגטע סומע איז אַן אומגעהײַערע, נעמענדיק אין באַטראַכט זייער שפֿלדיקן מאַטעריעלן מצבֿ.

ווי אַזוי האָט געענטפֿערט די מעצער קהילה? זי האָט זיך אין דער ערשטער ריי פֿאַררופֿן אויף אַ הסכּמה פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון 6טן יאַנואַר 1772, ווו עס זענען בײַגעווען די פּרנסים, בוררים און גובֿים פֿון דער „מדינה“ און פֿון דעם „מקום“ און ווו מ'האָט באַשטימט נײַע התחייבֿותן און נײַע הלוואָות.

די פֿאָרשטייערס פֿון דער מעצער קהילה האָבן אויך געהאַלטן, אַז זיי פֿלעגן פֿאַרבעטן די ייִדן פֿון דער „מדינה“ זיך צו באַטייליקן אין דער נאָמינאַציע פֿון קהל־טוערס, אָבער זיי האָבן קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק זיך צו באַניצן מיט אָט דער פּריווילעגיע.

מיר האָבן געמאַכט די דאָזיקע דיגרעסיע, ערשטנס, ווײַל לויט אונדזער מיינונג פֿאַרדינט דער דאָזיקער סיכסוך צווישן די מעצער ייִדן און די „מדינה“־ייִדן באַמערקט צו ווערן ווי אַ זעלטענע דוגמא פֿון די באַציִונגען צווישן די ביידע טיילן פֿון דעם ייִדישן ייִשובֿ אין דער מעצער געגנט. פּאַקטיש, ווייסן מיר נישט קיין סך וועגן דער פֿראַגע. צווייטנס, ווײַל מיר טרעפֿן אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די באַציִונגען אין אונדזערע בריוו.

(3) די ייִדן אין מעץ האָבן געמוזט האָבן נישט נאָר אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פֿונעם קיניג צו וווינען אין דער שטאָט און אין דער „מדינה“. זיי האָבן אויך געמוזט זיך „קויפֿן“ דעם חסד פֿון דעם „גוווערנער“ און פֿון דעם פּאַרלאַמענט. דאָס געוויינטלעכע מיטל איז געווען, ווי תּמיד — געלט. אָבער פּראָסט־פּשוט צו צאָלן דעם „גוווערנער“ און דעם פֿאָרזיצער פֿונעם פּאַרלאַמענט איז נישט געווען באַקוועם פֿאַר ביידע צדדים. האָט מען אויסגעטראַכט אַ מין „מתּנה“ (אין די בריוו רופֿט מען עס מיט דעם פֿראַנצייזישן וואָרט „דאָן“) צו צאָלן יעדער יאָר ממשותדיקע סומעס דעם הערצאָג בראַנקאַס, דעם איידעם פֿונעם פּאַרלאַמענט־פֿאָרזיצער, און דער גרעפֿין דע פֿאָנטען, דער טאָכטער פֿונעם „גוווערנער“, דע זשיוורי. נאָכן טויט פֿונעם „גוווערנער“ און פֿונעם פּאַרלאַמענט־פֿאָרזיצער האָבן מעצער ייִדן אויפֿגעהערט צו געבן די „מתּנות“. ביידע געניסערס האָבן ממש אײַנגעריסן וועלטן באַמיִענדיק זיך אַרויסצובאַקומען פֿון לויִ דעם פֿערצנטן אַ הסכּמה אַרויפֿצוואַרפֿן אויף דער מעצער קהילה אַ שטײַער, וואָס וואָלט געדעקט די „מתּנה“. דער קיניג האָט אָבער סיסטעמאַטיש אָפּגעוויזן די אַלע טענות.

אָבער נאָך זײַן טויט, ווען די השפּעות פֿון די הויפֿלײַט האָבן זיך זייער פֿאַרשטאַרקט אונטער דער רעגענץ, האָט די גרעפֿין דע פֿאָנטען — וואָס איז אַגבֿ אויך באַקאַנט געווען ווי

[4] דער אָריגינאַל געפֿינט זיך אין Hebrew Union College, Cincinnati.

אַ ראַמאַן־שרײַבערין[5] — געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן הערצאָג דע בראַנקאַס, אַ פֿאַוואָריט פֿונעם רעגענט, פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקער אַקציע ווידער צו באַקומען זייער געלט פֿון די מעצער ייִדן. די גרעפֿין איז אַפֿילו גרייט געווען אָװעקצוגעבן אַ דריטל פֿון איר טייל, אַבי נאָר צו באַקומען די הסכּמה פֿונעם רעגענט. ער אָבער איז נישט גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פֿון די ייִדישע געלטער. אין די „לעטער פּאַטאַנט" פֿונעם 30סטן נאָוועמבער 1715 האָט ער די בײדע לײַט צוגעמישפּט צו 40 ליווער פֿון איטלעכער ייִדישער משפּחה, וואָס האָט געוווינט אין דער „מדינה".

די קהילה האָט דעריבער אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע מבֿטל צו מאַכן אָט דעם נײַעם באַלאַסט[6]. די דאָזיקע אַקציע שפּיגלט זיך אָפּ אין די בריוו וואָס מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָ.

די בריוו, וואָס זענען זיכער נאָר אַ קליינער טייל פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ פֿון די שליחים מיט דעם קהל, גיבן נישט, פֿאַרשטייט זיך, קיין פֿול בילד פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען און פֿון זייער אויסגאַנג. מען קאָן אָבער קלאָר זען ווי געשיקט זיי האָבן געפֿירט די אַקציע, ווי אַזוי זיי האָבן געוווּסט אויסצוניצן לטובֿת דער קהילה די אויבן דערמאָנטע ווידעראַנאַנדן צווישן די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע כּוחות. פֿאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן מיט גרויס אָפּגעהיטקייט, עקשנות און געדולד.

מען קאָן זאָגן, אַז אַ דאַנק די בריוו זעען מיר בעסער און קלאָרער וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די קוליסן. מיר באַקומען אויך, דאַכט זיך, אַ בעסער פֿאַרשטענדעניש פֿון דעם, ווי אַזוי ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פֿון פֿראַנקרײַך.

ד אָ ס ל ש ו ן. די בריוו זענען זיכער אויך אינטערעסאַנט פֿון לינגוויסטישן קוקווינקל. אַ גענויערן אַנאַליז פֿון די שפּראַכיקע פּראָבלעמען לאָזן מיר איבער פֿאַר לינגוויסטן. דאָ וועלן מיר זיך באַגרענעצן מיט אַ פּאָר באַמערקונגען.

(1) דער אויסלייג: אין די בריוו שפּיגלט זיך אָפּ דאָס ספּעציפֿישע פֿונעם עלזאַס־לאָטרינגער ייִדיש, אין דער ערשטער ריי — די צונויפֿמישונג פֿון קלינגענדיקע און שטומע הילכנדיקע, למשל: דוט [= טוט], גיטענקין [= געדענקען], ור [= פֿאַר]. צום בולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין דער טראַנסקריפּציע פֿון פֿראַנצייזישע (אָדער דײַטשישע) ווערטער: בערסון [= personne], באַרלעהר [= parler], בור [= pour], טאהן [= don], קונפיענט [= convenu];

דער לאַנגער אַ ווערט געניצט אַנשטאָט „אוי": לאפין [= לויפֿן], אך [= אויך];

דער אויסלייג איז נישט קיין אײנהייטלעכער; אַזוי טרעפֿט מען, למשל, דאָס זעלביקע וואָרט אין דרײַ פֿאָרמען: דערזינט, דרזינט און דער זינד [= זינט דעמאָלט].

פּרעפֿיקסן ווערן טייל מאָל געשריבן באַזונדער: פֿאַר שפּראָכן, נאָך ריכט, פֿאָהר קומין.

אינטערעסאַנט איז דער אויסלייג: אריג, שטאריק, צו אזמין (!) [=צוזאַמען].

(2) צײַטן: מען טרעפֿט דעם פֿאַרגאַנגענעם פּאַרטיציפּ אָן דעם פּרעפֿיקס גע־, למשל: קומין [= געקומען], געבן [=געגעבן]. צוקונפֿט: וואהרן, וויהרן.

(3) לעקסיק: עטלעכע דוגמות: דערזינט [= פֿון דעמאָלט, זינט דעמאָלט], ניט מער [= נישט געקוקט אויף..., און דאָך...].

(4) ייִדישע פֿלעקסיע־פֿאָרמען אין פֿראַנצייזישע ווערטער: רעטוסט, דיספּאַסט אד"גל.

(5) באַזונדער שווער איז געווען פֿאַר די מחברים איבערצוגעבן קלאַנגען וואָס עקסיסטירן נישט אין ייִדיש און נישט אין העברעיש: דראַ [= droit],ווילראַ [= Villeroi], שיש [= juge], רעשאן [= régent], שענעראַל [= général].

✶

בײַם צוגרייטן די בריוו צום אַרויסגעבן האָבן מיר אָנגעטראָפֿן דרײַערליי שוועריקייטן: ערשטנס, עס פֿעלט אין גאַנצן די פּונקטואַציע (אַחוץ אין זעלטענע פֿאַלן). דער טעקסט

[5] זען הערה 6, צום בריוו ג' 3.

[6] Abraham Cahen, *Die Schuldennot der Metzer Gemeinde*, Metz, 1913, 17-19.

ציט זיך אומאיבערגעריסן, און נאָר לויט דעם קאָנטעקסט, לויט דעם זינען, קאָן מען רעקאָנסטרויִרן די לאָגישע פאַרבינדונג, ווי אויך די לאָגישע פויזעס. מיר האָבן געפּרוּווט פאַרלײַכטערן דאָס לייענען דורך אַ פּונקטואַציע אין קלאַמערן.

צווייטנס, די בריוו זענען געשריבן געוואָרן אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן קאָנטעקסט, סײַ אין אַלגעמיין־פראַנצייזישן, סײַ אַפילו אַ כּלל־אייראָפּעיִשן סײַ ספּעציפיש בנוגע די אינע־ווייניקסטע פאַרהעלטענישן אין דער מעצער קהילה. פאַר די אַדרעסאַטן איז דאָס אַלץ געווען אַ לעבעדיקע אַקטואַליטעט; פאַר זיי איז אַלץ געווען קלאָר און זיי האָבן פאַרשטאַנען די מינדסטע אַלוזיע. אָבער פאַר עמעצן, וואָס לייענט די בריוו מער ווי צוויי הונדערט און פופציק יאָר שפּעטער, בלײַבן אַ סך זאַכן נישט אַזוי קלאָר. אַ דוגמא: ווי אַזוי קאָן מען אידענטיפיצירן אַ פּערזאָן, וואָס ווערט אין די בריוו אָנגערופן מיט אַ קריפּטאָנים „האוהב הידוע" („דער באַוווסטער פרײַנד")?

דריטנס, די טראַנסקריפּציע פון פראַנצייזישע ווערטער, און באַזונדער פון די נעמען פון פראַנצייזישע פּערזאָנען, וואָס ווערן דערמאָנט.

דער ענין טאַקס בראַנקאַס האָט זיך געצויגן יאָרן לאַנג און ערשט די רעוואָלוציע פון 1789 האָט דערמעגלעכט אַן אָנהייב פון אַ ליקווידאַציע פון אָט דעם ענין.

מיר ווילן דאָ, ווי אַ דוגמא, ציטירן אַן אַנדערן בריוו פון דער מעצער קהילה, פון כ"ד שבט תקט"ו [= 16 פעברואַר 1755] וואָס געפינט זיך אין דער שטראַסבורגער נאַציאָנאַל־ און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, מאַנוסקריפּט נומ' 3963. דאָס קהל ווענדט זיך צו אַ באַקאַנטן מעצער נגיד, משה בלין, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן אין פּאַריז און איז געווען נאָענט, פאַרשטייט זיך, מיט השפּעהדיקע פאַרשטייערס פון דער מלוכה.

דאָס קהל דערמאָנט אַז עס האָט „פאַר גוט באַפונדן מעלת כבודו צו שארשירן [מטריח צו זײַן] מיט איין דבר מצוה". די קהילה איז באַלאַסטיקט „יעהרליך מעות בראנקאס צו צאהלן 20 ליוור [פאַר איטלעכער משפּחה]". אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שטײַער ווערט רעגולער באַצאָלט, „האבן היהודים אין דיזר דעֶבּאַרטימאַן [דעפּאַרטעמענט] קיין מנוחה און תמיד אַינקיטֶעט [גערודפט]" סײַ מצד די לאָקאַלע מאַכט־פאַרשטייערס סײַ דורך דעם ריכטער, און פון דער מוניציפּאַליטעט, וואָס זיי סטראַשען צו פאַרטרײַבן, איין מאָל — איינציקע משפּחות, אַן אַנדערט מאָל טאַקע אַ גאַנץ דאָרף.

מען האָט שוין אין אדר תקי"ב [יאַנואַר 1752] דורך דעם פּרנס שמואל לוי — אויך אין פּאַריז — זיך געווענדט צום גראַף ד'אַרזשאַנסאָן, דעם דעמאָלטיקן קריגס־מיניסטער; דער עסק איז איבערגעשיקט געוואָרן צום מעצער אינטענדאַנט, וועלכער האָט געזאָלט אויס־דריקן זײַן מיינונג וועגן דעם ענין — און די דאָזיקע מיינונג איז דווקא געווען אַ גינציקע פאַר די יידן.

דערווײַל איז אָבער געקומען אַ נײַער אינטענדאַנט, דע קאַמאַרטען. די בקשה ליגט שוין בײַ אים עטלעכע חדשים און קהל ווייסט נישט ווער ס'האַלט אויף די גאַנצע זאַך. דערפאַר בעטן די מעצער מנהיגים משה בלינען, וועלכער — אַזוי שרײַבן זיי — איז אין דעם קריגסביוראָ „גאנץ וואהל אהן גנעהם" צו רעדן מיט מעסיע מאַרי. „באם [משה בלין] שפּירן אין דער קונווערסאסיאהן מיט מ' מאַרי דש [דאָס] קצת אינטֶרֶע דר הינטר שטעקט", זאָל משה בלין אים זאָגן, אַז קהל האָט אים געמאַכט אַ יערלעכע לעבנס־לאַנגע רענטע — זיבן פּיסטאָל [אַ דעמאָלטיקע גרויסע פראַנצייזישע מטבע].

אַ חוץ דעם גיט קהל גלײַך פאַר דעם יאָר צוויי הונדערט ליווער. „זולכש מוז בסוד בלייבן" — וואָרנט קהל.

מיר האָבן ציטירט דעם דאָזיקן בריוו אי אָפּצומאָלן דעם אומזיכערן מצב פון די מעצער יידן, בפרט אויף דער פּראָווינץ, ווי אויך צו ווײַזן מיט וועלכע מיטלען זיי איז אויסגעקומען צו קעמפן פאַר זייער רעכט צו בלײַבן אויף די ערטער ווו זיי האָבן געוווינט צענדליגער יאָרן און מער.

מיר לאָזן איבער די חשובֿע לייענערס דעם מישפּט, אין וואָסער מאָס ס'איז אונדז געלונגען אָט די — און אַנדערע — שוועריקייטן בײַצוקומען.

# די בריוו

## 1

ווארסאל יו׳ ה׳ ג׳ל כסליו תע״ג

שלמא לאהו׳ ידידי האלופי׳ קציני׳ ומגיני׳ פרנסי ומנהיגי הקהלה כ״א[1] לפי מעלתו יצ״ו.

מיר הבי׳ יו׳ גל עבר כ״ד[2] שיש גשריבן וואו מיר האפין אליז וורט לזמנו הבין מקבל גיוועזין ובו נאמר אליז שר שלנו וורט כאן זיין באותו לילה וויא אך גישעהן איזט. אתמול שחרי׳ האט אחרינו גשיקט אונ׳ אונז מקבל בספר[3] פני׳ יפו׳ גיוועזין אליז ווען מיר שר שלו ווערין. אונ׳ ער ווער גלייך דיספאַסט[4] גיוועזין צו טון עבורינו וואז גיוועלט העטין אחר הסיפור דברי׳ מיר אים גיטון הבי. שיינט מעכטיג איש שר צו זיין אונ׳ גר טוב. ווען נאַר ניט ח״ו[5] שם מהופך וורט ער כמה פעמי׳ גיזאגט שֶׁע מֶע רֶעקאמאַנט אַ וואַטער בון אַמיטיֶיע[6]. הבי מיר פאר גוט ביפונטין אליז א׳ מאתנו לפאריז צו מ׳ דע ווילאַר[7] אליז כתב שרייבן זאל לשר שלנו הנ״ל עבורינו כדי ער מקום צו רֵיידן האט עם המינסטער על פאפער[8] שלנו וויל מיר בלאו הכי הבי בדיעה גיהאט לשם וויא יו׳ גל גשריבן הבי וויא אך גישעהן איזט אונ׳ ת״ל[9] גלייך ביקומין כתב אן שר הנ״ל מן אדון ווילאר הנ״ל עם הקופייא[10] של ארדיר[11] אליז המינסטער גשיקט האט לאינטאנטאן[12] אונ׳ תשובה שלו למ׳ דֶע ווילאַר כאשר עניכם יחדו ישרי׳ העתקי׳ מכל הנ״ל. מן היו׳ בהשכמה האט ער לאזי קורא זיין האבי מיר אים כתבי׳ הנ״ל געבן אונ׳ שטארק עמו גירעט אונ׳ רעקאמאנט[13] כל הנ״ל אונ׳ פאר שפראכן צו טון מה שביכלתו וויא אך גישעהן איזט. און אחר חצות ווידר אחרינו גישיקט אונ׳ גיזאגט



וויא לאנג עם אדון הנ״ל גירעט העט ובאותו מעמד ווער אַבֶע דאַווערין[14] ג״כ גיוועזין. העט צו זעהן על בלאט [?] דען גנצי סיפור דברי׳. ממילא העבי מעלתכם צו זעהן אליז מיר טון וואז מעגליך איזט אונ׳ זא דז ניט מתייאש זיין אדרבה ארבייטן גיך מבטל צו זיין דען

גירוש אי"ה אונ' אונזר מושכל הראשון רעכט איזט גיוועזין שאין הדבר תלוי אלא באינטאנטאן אונ' איר זעלט שם זעהן בכל מה דאפשר אליז משתדל שם זיין זעלט אליז ער שרייבן זאל וויא ניט קענט ברעסקע — דיר [?] איין זען אונ' פון זיך שיקן ואז העטי מיר קענן זעהן כאן זיין צו ביקומן זיין עד שיבא שלו' לארץ. וויא אדון ווילאר גשריבן האט אליז השותף [?] אים דיבור גרעט העט על זה ובין כך העטי מיר קענן זעהן אונטר צו גֵין און מרבה יועץ [?] זיין הן מאי[15] הנ"ל או זונשט. ובין כך קומט פלוני אפשר כאן העטי מן אפשר קעני מהפך לטובה זיין ע"י תקיפי' כאן וכ"ז[16] הבי מעלתכם פאר גוט ביפונטין אונ' דאך ניקש בוגערין צו טון. מיר הבי וואל יודע גיוועזין אליז אינטאנטאן קיין טובה טון וורט בעוד השר ש"ק[17] לנגדו איש וויל זיך אפשר מיט פלוני הידועה [sic] ניט אבר ווארפין. מיר ווארן זעהן וואז ארפאלגט על פלאסע[18] מיר אן געבן הבי יו' ג"ל עבר אונ' ווארין נאך ריכט געבן. מוזן מקצר זיין וויל פאשט פארט גֵיט והנ' מאי"ה וממני שלמה זלמן מזו' איצק שפייאר אברלי מרכינגן.

✶

קיצור פֿון בריוו 1: אין דעם דאָזיקן בריוו, געשיקט פֿון ווערסאַל, אינפֿאָרמירן די דרײַ שליחים — שלמה־זלמן (פֿאַמיליע־נאָמען ניט קלאָר), אברלי [אַברהם] מרכינגן און איצק שפייאר — דעם קהל פֿון מעץ וועגן זייער וויזיט בײַ דעם „גוווערנער" פֿון מעץ און וועגן דעם פֿרײַנדלעכן קבלת־פּנים פֿון זײַן זײַט. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו אינטערוועניִרן לטובֿת דער מעצער קהילה, וואָס שטייט פֿאַר אַ סכּנה פֿון גירוש. איינער פֿון די שליחים איז געפֿאָרן קיין פּאַריז צו רעדן וועגן דעם ענין מיט אַ השפּעהדיקער פּערזענלעכקייט, דעם דוכּס דע ווילאַר.

די שליחים פֿאָדערן פֿון קהל צו געפֿינען אַ צוטריט צום אינטענדאַנט פֿון מעץ, אַ פֿאַרביסענעם שונא־ישׂראל, וואָס פֿון אים הענגט אַלץ אָפּ, און זיך צו באַמיִען צו געווינען זײַן חסד.

## הערות

[1] כל אחד — איטלעכער. [2] כל דבר — איטלעכע זאַך, אַלץ.
[3] בסבר . . . — מיט פֿרײַנדלעכקייט. [4] disposé — גענייגט, גרייט.
[5] חס־ושלום.
[6] je me recommande à votre bonne amitié — איך רעקאָמענדיר מיך צו אײַער גוטפֿרײַנדשאַפֿט.
[7] Claude-Louis-Hector duc De-Villars, 1653—1734 — מאַרשאַל פֿון פֿראַנק־רײַך, אַ מקורב פֿון לוי דעם פֿערצנטן.
[8] papier — אַ דאָקומענט. [9] תהלה לאל — אַ דאַנק גאָט.
[10] copie — אָפּשריפֿט. [11] ordre — באַפֿעל.
[12] Intendant — העכסטער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַטאָר אין דעמאָלטיקן פֿראַנקרײַך.
[13] recommander — רעקאָמענדירט.
[14] Henri-Oswald Auvergne de la Tour abbé d'-, 1671—1741 — זון פֿונעם גראַף d'Auvergne; געוואָרן קאַרדינאַל אין 1737.
[15] מאדון — פֿונעם האַר. [16] וכל זאת — און דאָס אַלץ.
[17] Saint-Contest, de-, 1668—1730 — אינטענדאַנט פֿון מעץ זינט 1713.
[18] placet — יורידישער טערמין: אַ בקשה צו באַקומען אַ פּריווילעגיע אַדרעסירט צום קיניג אָדער צו אַ מיניסטער.

## 2

פריז יום ד' ה' ניסן תע"ז לפ"ק

שלו'[ם] לאהובי'[ם] רוזני'[ם] והקציני'[ם] פרנסי'[ם] ומנהיגי'[ם] כל חד וחד לפי מעלתו ובראשם הגאון אב"ד זקן וישיש כמוהר"ר אהרן נר"ו[1] יצ"ו. וכאל"ש[2] ר"ד י"א.

גי"ה מן ער"ח ניסן לנכון קבלתי אין שלוס קטן מעמאר וואש אן געבן זאל אוד'[ות]

הראַל [.][3] האב ניט דרויף גוואַרט אונ׳[ט] בֿאר ג׳ שבועו׳[ת] שונ׳[ט] גשטעלט תוך הראל שלנו וואש ליד הסופר של אדון שאנסיליער יר״ה געבן האב. אתמול בין איך ווידר בבית האדון הנ״ל גוועזן לאודייאנס[4] שלו. האב אך ווידר עמו גרעט. שאלתי מה בקשתי והישיב וויא בשביל עסק דב״ק[5] איז אוד׳[ות] הראל מן רה״ב.[6] וויא איך מיין שונ יותר אלש ג׳ שבועו׳[ת] האב. ואמר לי ער העט זיא נאך ניט ביקומן אזו בלד ער זיא ביקומן וורט ווערט זֵיהן מה לעשות. האב איש ווידר גזאגט [:] אדוני [,] ביט במחילה צו אָפסערווירן[7] דש די ראַל קומבאָסט[8] איז אין ג׳ קלאַס. והישיב [:] מיר ווערדן זֵיהן.

הקול בשוט[9] בין כל דוכסי׳[ם] ושרים אפילו בין המון עם וויא עסק שלנו במעמד הטוב שטֵינט [,] יהי כן. איך קאן צו וואר נאך ניקש שרייבן דען בייא אדון הנ״ל העלפט בעולם ניקש קיין סאליסטציון[10] נאך ניקש [,] בעל משפט הוא. דאש האט מיר איין תקיף גדול גזאגט וויא ער צו דב״ק גזאגט האט. וואש ווילשטו דיין עסק בשטֵיט רק אין שני ארטיקל אונ׳[ט] אפילו קיין אלטערנאטיף[11] ניט. איז עז דאש ב״י אירי ראל זיוף איז אונ׳[ט] איז וויא דו זאגשט מוז מאן אינן אירי משפט מאכן וויא זיא זעלבשט אירי סומיסיון[12] גיטון האבן. איז עז דען אלש זיא רעכט האבן. מהיכא תיתי [,] זאלין זיא צאלין יותר אלש דוא בקומן האשט פון מלך יר״ה. ווען דיא ראל ווארט קומן וואר איך שונט ווישן מה לעשות. כך אמר לי תקיף אחד שונ׳[ט] ד״י ימי׳[ם].

איך שרייב לקהל י״ץ לפי כתבי׳[ם] מב״ב מקהילתינו קומט קיין קהל מער צו אזמין,[13] איזה פ׳[14] וועלין ניט מער צו קהל גֵין [.] אויב זיא רעכֿט אודר אום רעכט האבן לא נודע לי. עכ״פ מאג זיין וויא דא וויל אונ׳[ט] ודאי גרעכֿט זיין מאחר מאן ניקש אלש חרפות ובושות מן איזה ב״ב אין נעמט כידוע לי. ניט דר ווֵינגר גהערט מאן דאך דיא קהילה ניט לאזן ח״ו לאיבוד גֵין. אהובי רבותי אחי וריעי איך ביט למען שמו הגדול, ולמען הקדושים שנפטרי׳[ם] [:] נעמט אין אכֿט אונזר קהילה [,] עז איז מוטל עלינו אזו לנג מיר פ׳[רנסים] זיין צו טון דאש ח״ו ניט גר מער ווארט צו העלפין זיין. כאשר שמעתי דען עסק מן גומפיל עמריך ותותני המקושר אעפ״י כן זיינן מיין פריינד. אונ׳[ט] דער עסק ווארט צו לֵיגט. גהערט מאן אינן אירי עונש צו מאכֿן אונ׳[ט] ניט דער בייא צו לאזין ווען מעלתכם קצת מיר צו גיבאלנש וועלן טון לאחר זיא ווערדן אירי עונש מקבל זיין. אונ׳[ט] אירי עונש קצת מיקל זיין [,] רשות בידכם. אבר פטור בלא כלום מיין דיעה זעלבשט ניט אונ׳ ניט דרבייא צו לאזן [.] וויא קאן קהילה זאלכי עסקי׳[ם] סובל זיין גשיכֿט דאך אין קיינם יישוב [.] אמת הוא [,] וויא דער עולם זאגט [,] קהל איז אלים שולד אונ׳[ט] הגרם בעו״ה בחורבן הקהילה. וואש זאל מאן מיט איין אב״ד טון. השם יודע איך ת״ל[15] קיין שולד בין אונ׳[ט] תמיד קובל וצועק גוועזן דאש מאן ניט ליידן זאל מן יהי׳[ה] מי שיהי׳[ה] וועלכר דער מסרב איז נגד קהל שי׳[חיה] אפילו בדבר הקל אים זיין עונש צו מאכן אונ׳[ט] דער בייא צו בלייבן. האב אבר קיין הולף גהאט האב תמיד גזאגט דיא עסקי׳[ם] קענן קיין גוט טון. וביותר ווען שונט ליטנאן שענראל[16] האט איין דעבֿאנס[17] גיטון העט גלייך נגדו רעקעט[18] אן געבן אונ׳[ט] ווערט באמת דען עסק עמו אויז פֿירן איז זונשט ניט אויז צו שטין. ווען אונזר עסק לטובה ווארט אויז זיין וויל איך זיהן בעסק הלז איין הוליף צו פינדן אי״ה [,] אודר מוז ניט מיגלך זיין אויז צו לעבין איז בלתי אפשר השם ב״ה זאל מיר העלפין איך קאן עז ניט מער ליידן [.] וויל ניט האפין אלש מעלתכם ווערדן בֿאר אום גוט בפֿינדן [,] השם יודע כוונתי.

מחמת סירוויף[19] האבן מיר רעקעט דרעסין[20] לאזן בטוב טעם ווארט אבר שווערקליך קודם חוגאת עפיז טון קענן [,] וואר זיהן צו טון מה שהצורך. בדבר קצבי׳[ם] וואש זאל מאן טון כאן אזו לנג אלש כתבי׳[ם] ביד אדון צו מיץ לֵיגן. צו דעם וואש ווערט איר טון ווען זיא שווייגן וועלין מיר דר גלייכן טון. איך בין בֿאר[21] איזה ימי׳[ם] גוועזן אצל מ׳[אַדאַם] ש״פ[22] שהיא מכירה ג״כ מן פ׳[רנס] כהר״ר יוקב [.] האב איר גיקלאגט איבר אדון אינדאנדאן וויא

ער בכאן מלעיג עלינו האט גוועזן וועלכש אונש איז גזאגט ווערדן מן התקיף גדול דער אך מיט גשפייסט הוט בבית אדון ווילרא.[23] איך האב איר ניט גזאגט וואו איך העסק גהערט האב. אונ[ט] באיזה מקום ער עז גזאגט האט. זיא האט מיר גזאגט וויא אינדאנדאן איר פֿאר שפרוכין העט מטיב עמנו צו זיין. והישב לי [:] איז שונט וואל צו בווייזן והא ראיה [,] האט ער מלעיג עלינו גוועזן בבית תקיף גדול אונ[ט] גזאגט [:] ווער שלעכטער היזק וועז מיר גר חלילה ניט במיץ ווער ודברים כדומה לו. האט זיך מתמי[ה] דריבר גוועזן קענט עז ניט וואל גלאבין. קאן זיין זיא עז אים אפשר שרייבט. אזו ער זיך קצת אן נעמין זעלט ווארט אים משיב זיין וויא אמת איז. ווען ער שונט שונא שלנו איז האבן מיר זונשט ת״ל גוט פֿריינט. מאן מוז לפעמי[ם] נגד צרפ[ת] זיך ניט בֿאלין לאזן. ערלת[ה] הנ״ל האט מיך ג״כ גפרגט אויב מיר זיך אירגנט מעלירן[24] בינו לבין אדון סאליאן[25] יר״ה. והישב לי [:] חלילה מעשות כדבר הזה נגד שני הרים גדולי[ם] אדרבה ואדרבה [,] מיר העטין גר גערין זיא ווערן גוט פֿריינד ווער דאך אונש אֱיער טובה אלש רעה. וויא אך באמת הלט וועז גוט יחדיו ווער אלש אֱיער לטובתינו ווער. דען איז מיר בלתי ספק הגרם שנאה ער עלינו העט. מאחר שידועה אלש אדון השר יר״ה מטיב עמנו איז אונ[ט] מיר אין פֿור אוהב האלטין לדעתי קומט השנאה דא הער. ווען מעלתכם זאלכש להשר יר״ה זאגט קענט ניקש שאטין. מוזט אבר לבד גשיהן דש אפילו סימון[26] ניקש ערפֿארט. דען אַבעל [?]ווירט הכל גווארן גלייך אונ[ט] ור מסתתר לאינדאנדאן ווען איר עז פֿאר גוט בפינט צו טאן מושט איר להשר יר״ה אפילו מגלה זיין איבר אַבעל הוט נגדו ניקש צו בטייטן. עז ווער גוט ווען איר מאכן קענט זיא גוט פֿריינט ווערדן בשבילנו. דען כמה תקיפי[ם] אמר לי וויא איין אינדאנדאן קאן פיל טון לטובה ולרעה. ותו שלום ומא״ה כ״ץ אה״ל ב״ע אה׳ ומנאי ישי ווילשטאט ופורס בשלו[ם] האלופי[ם] שמשי[ם] יישר כח על השגחה זיא גהאט האבן אלש גשיקט איז מה שצריכינו על י״ט הבע״ל. האב גרוש צער איך ניט לביתי קאן זיין. המקום ב״ה יעזור לי דאש מיין צייט לטובת הכלל זאל אן גליגט ווערדן ודי בזו.

אַדרעס: לק״ק מיץ ליד אהובי[ם] האלופי[ם] רוזני[ם] פרנסי[ם] ומנהיגי[ם] יצ״ו ופגין[27] מפריז הבירה [אויף דער זעלביקער זײַט צוגעשריבן מיט אַן אַנדער האַנט: יו׳ ד׳ ה׳ ניסן ק׳ (= קבלנו) יו׳ א׳ ט׳ ניסן תע״ו והשבנו בו ביום].

✶

קיצור פֿון בריוו 2: **דער שליח ישי ווילשטאט איז מודיע אַז ער האָט פֿערזענלעך איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר פֿונעם „שאַנסעליע" אַ רשימה פֿון די ייִדן פֿון מעץ [און פֿון דער פּראָווינץ?]. זײַן שטעלונג אין דעם ענין „מעות בראַנקאַס" איז אַ גינציקע פֿאַר דער קהילה — שרײַבט דער שליח. ער האָט אויך געהאַט אַ שמועס מיטן עלטערן דוכּס בראַנקאַס, וואָס זײַנע פֿאָדערונגען האָבן די מעצער ייִדן פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל צרות.**

דער אינעווייניקסטער מצב פֿון דער קהילה, די פֿאַרשיידענע סיכסוכים און אינטריגעס, ברענגען אים אַ סך עגמת־נפֿש, און ער פֿאָדערט אויף דאָס קהל אַנצווענדן מיטלען, כּדי צו פֿאַרבעסערן דעם דאָזיקן מצב.

ער אינפֿאָרמירט וועגן דעם אינטענדאַנטס שענדלעכע דיבורים אויף די מעצער ייִדן — דאָס האָט דעם שליח דערציילט זײַנס אַ באַקאַנטע, מאַדאַם סען־פּיער.

די סיבה פֿונעם אינטענדאַנטס שינאה צו די מעצער ייִדן איז, לויט דעם שליח, דווקא די פֿרײַנדלעכע שטעלונג פֿונעם מעצער „גוווערנער".

צום סוף מאַכט דער שליח עטלעכע פֿאָרשלאָגן ווי אַזוי צו נייטראַליזירן די דאָזיקע שינאה.

## הערות

[1] נר״ו — נטריה רחמנא ופרקיה, גאָט זאָל אים היטן און באַשיצן.

[2] וכל אשר לכם שלום.

[3] rôle — רשימה.

4 audience — אוידיענץ.

5 de Brancas — דע בראַנקאַס.

6 ראָשי־הבתּים?

7 observer — באַמערקן.

8 composé — צונויפֿגעשטעלט.

9 = פּשוט.

10 sollicitacion — פֿאָדערונגען.

11 alternative — ברירה.

12 soumission — אַן אַקט וואָס אויף זײַן סמך לייגט מען פֿאַר צו באַצאָלן אַ באַשטימטע סומע.

13 = צוזאַמען.

14 = פּרנסים.

15 תּהלה לאל — אַ דאַנק גאָט.

16 lieutenant général.

17 défense? — פֿאַרווער.

18 requête — בקשה.

19 געמיינט איז, אַ פּנים, דאָס וואָרט survivance; עס באַטײַט אַ פּריווילעגיע פֿונעם קיניג וואָס דערלויבט אַז זי זאָל איבערגיין צו די יורשים פֿון אַ פּאָסטן (אין אונדזער פֿאַל: די מתּנה).

20 dresser, requête — אַרײַנגעבן אַ בקשה.

21 = פֿאַר.

22 Françoise-Jeanne de Kerven-Kertily Saint-Pierre, 1671—1740 — גרעפֿין, געווען אַ פֿרײַנדין פֿונעם רעגענטס פֿרוי.

23 Françoise de Neufville Villeroi, duc de-, 7.4.1644 — 18.7.1730 — מאַרשאַל פֿון פֿראַנקרײַך.

24 mêler — זיך אַרײַנמישן.

25 M. de Salians d'Estaing de Salians — איז געווען מיליטערישער „גוווערנער" אין מעץ און אין די דרײַ ביסקופֿשאַפֿטן אין די יאָרן 1712—1723.

26 Simon — אומבאַקאַנט.

27 ופגי"ן — ופותח גלילה ישכנו נחש — אַ פֿאָרמל וואָס מען פֿלעגט צושטעלן צו אַ בריוו; ד"ה אַ שלאַנג זאָל בײַסן דעם וואָס וועט עפֿענען דעם בריוו.

## 3

פריז יום ו׳ כ"ט ניסן תע"ז לפ"ק

שלום לאהובינו האלופי׳ רוזני׳ והקציני׳ פרנסי׳ ומנהיגי׳ חכמים ונבוני׳ ישישי׳ וזקני׳ כל חד וחד לפי מעלתו ובראשם הגאון המפורסם זקן בתורה ובחכמה אי"א כמוהר"ר אהרן נרו וכאל׳ ר"ד י"א.

איך רעפֿריר מיך על כתבי מן יום א׳ עבר ובתוכו האב מעלתכם איבר שיקט כתב מן הגאון אב"ד נרו׳ ווארן אים מסתמא ביקומן האבן אונ׳ תשובה שרייבן אוו פֿאר גוט בפֿינדן. שורתיינו הללו זיין למעלתכם צו איבר שיקן היר בייא העתק מן מעמאר אינסטריקטיף[1] על דרך קיצור איך אתמול לאדון שאנסיליער געבן האב. אונ׳ גבעטן איין סוף צו מאכֿן. והישיב זאל אין לסיקרטארי"ט[2] שלו געבן ווער שונ׳ גוט. איז אויז גיפֿארן בבית אדון רעשאן.[3] ובאותו מעמד געבן תיקף לסופר הנ"ל איז עבין בביתו גיוועזין. אונ׳ וואל רעקאמאנדירט[4] וועלכר מיר ווידר ור שפראכן וועלט אלי אַטאַנסיון[5] אין עולם דרויף געבן. בין נון כמה וכמה פעמי׳ אצלו גוועזן. מיך כל פעם ופעם מקבל גוועזן בפנים יפות אונ׳ פֿאר שפראכן צו טון מה דאפשרו. דיא חשוב פֿונטען[6] איז שונט גל או ד׳ פעמים בקירוב ימי׳ אך בביתו גוועזן כאשר אמר לי אחד מהמשרתי׳ שלו. ערל הנ"ל באסירט[7] פֿאר איש ישר איז איין אנסיען אַטפאַקאט אַ קונסעל[8] כמו מוסיר ווינגרון[9] שהי׳ בבית אדון וואזין.[10] איז לע"ע אך בבית אדון שאנסיליע. אונזרי מתנגדי׳ לאפין שטארק. אקוה לאל יתברך שמו זאלין ניט פיל ור ריכטן. כל עולם זאגט וויא אדון איין בעל משפט גדול ווער אונ׳ ניט גלאבין אלש דיא סאלדיטע[11] ערהאלדין ווארט. שלעכט באומה זו איז ניקש צו רידן ביז איין סוף האט און מאן זיכֿט העסק. בין אך אתמול ווידר אצל אדון דארמנוביל[12] גוועזן, האט ניט גווישט אלש הראל[13] קומן איז. האט עבין צו שאנסיליער פֿארין וועלין. האב אים גזאגט וויא ניט אן טרעפין ווארט וויא מביתו קום. איז ווידר צו רוק גאנגין אונ׳ לאנג עמו גרעט. האט מיך מבטיח גוועזן וויא עם אדון שאנסיליע היו׳ רידן וויל לטובתינו. אונ׳ ווער זיך משמח מיר אמת העטין. וויא וואל אוהב נאמן של דב"ק.[14] שלעכט האב בעסק

הנ״ל ניט פֿינדן קענין אונש איינגי התנגדות גיטון האט. אדרבה עצות געבן. מ׳ לאמוט[15] ממיץ איז עבין בביתו גוועזן אונ׳ גזיהן אונ׳ גזיהן וויא כל עולם האט שטֵין גלאזן. אונ׳ גלייך צו מיר קומן כמעט רביעי׳ שעה עמי גרעט. מעלתכם קענין דענקן וואש יה״א [?] זיך דענקט. האב נחת דרפון גהאט כדי להראו׳ להרשעים אלש ב״י ניט אַבאנדונט[16] זיין אונ׳ קצת אוהבי׳ האבן. והסיקרטארי׳ הראשון מן אדון הנ״ל האט דר גלייכן גיטון אך בפניו. וועלכר קיין דמיון האט. אונ׳ להבא גרושי טובות טון קאן. דען אדון הנ״ל האט דעבארטעמאן מן ג׳ עוועשיע[17] להנ״ל גבירן הפאנסיון[18] וואש מאן גיבט לערילי׳ דיא ניט טובת טון קענין אודר טון. וואר אי״ה אלש מינטלך זאגן בביאתנו לטובה. מחמת סירוויף[19] האבן מיר לאדון דאַדין[20] אן געבן. אח של דאַייעט[21] איז עבין בביתו גוועזן אונ׳ שטארק דיספטירט.[22] אדון הנ״ל אמר מאן מוז אלש זֵיהן. עסק הנ״ל מוז וואל אונטר לאפן ווערדן. ווען מיר רק פנאי ווערדן האבן וורט ניקש נעגלישירט[23] ווערדן אי״ה אונ׳ טון מה דאפשרנו. מעלתכי׳ ווערדן זֵיהן במעמאר וויא אן האלט אונש קיין אַרייעראַש[24] צו פאדרן. מחמת דב״ק הגרם איז מיר שונט הוצאו׳ מרובה האבן. אונ׳ רק אן באנג[25] וואש גיפסקנת ווערט מאותו היו׳ הפסק אויב עפיז ערהאלטן וואר לא נודע עכ״פ אם לא יואיל לא יזיק. זונשט חידושי׳ מיעוטין ותו שלום ומאת׳ כ״ע אהובי׳ ישי ווילשטאט.

יישר כחכם למעלתכם מיינר י״ט האבן מזכיר לטובה גוועזן און מי שברך על התורה האבן מאכן לאזן שטֵיט לטובה צו ור שולדן.

האלופי׳ שמשי׳ דורשי׳ בשלום

✶

קיצור פֿון בריוו 3: אַ קיצור פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „מעמואַר אינסטריקטיף“ האָט מען איבערגעגעבן דעם „שאַנסעליע“ — שרײַבט ישי ווילשטאַט. די קעגנערס פֿון די ייִדן זענען זייער אַקטיוו, אָבער דער שליח האָפֿט, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין הצלחה אין זייערע מאַכינאַציעס קעגן דער מעצער קהילה. די דאָזיקע האָפֿענונג שטיצט ער אויף דער פֿאַרזיכערונג פֿון אַ מעכטיקן פּאָליטישן פֿאַרשטייער, דעם גראַף ד׳אַרמענאָנוויל, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו רעדן מיטן „שאַנסעליע“ לטובֿת די ייִדן. ישי ווילשטאַט באַשרײַבט ווי דער דערמאָנטער פּריץ האָט אים אויפֿגענומען מיט אַ סבֿר־פּנים־יפֿות בשעת אַ גרויסן קבלת־פּנים — „אויף צעפּיקעניש אונדזערער שונאים“.

## הערות

1 mémoire instructif.

2 secrétariat.

3 Régent — דער רעגענט.

4 recommandé.

5 attention — אויפֿמערק.

6 Marie-Louise-Charlotte de Pelard de Givry, Fontaine — גרעפֿין און שריפֿט־שטעלערין. זי האָט גענאָסן פֿון אַ פּענסיע, וואָס די מעצער ייִדן האָבן נאָך געצאָלט איר פֿאָטער, אַ געוועזענער קאָמענדאַנט פֿון מעץ, פֿאַר זײַן פֿרײַנדלעכער שטעלונג אין דער פֿראַגע פֿון דערלויבן זיך צו באַזעצן אין שטאָט.

7 אַנשטאָט פּאַסירט, passer, ד״ה מען האַלט אים פֿאַר...

8 ancien avocat au conseil — ד״ה אַמאָליקער אַדוואָקאַט בײַם ראָט.

9 François Vigneron, 1660 — 1732.

10 Daniel-François Voisin [Voysin], 1654—1717 — שאַנסעליע פֿון 1714 ביז 1717.

11 solidité — אַן אָפּצאָל וואָס אַ גאַנצער קאָלעקטיוו איז פֿאַר אים פֿאַראַנטוואָרטלעך, למשל אַ גאַנץ דאָרף אד״גל.

12 Joseph-Jean-Baptiste Fleuriau d'- d'Armenonville, 1661—1728 — שטאָט־סעקרעטאַר, זינט 1722 — יוסטיץ־מיניסטער.

13 rôle — אַ רשימה פֿון די ייִדישע משפּחות.

14 = de Brancas.

15 Lamotte? Lamothe?

16 abandonné — פֿאַרלאָזט.

17 département de trois évêches — דעפּאַרטעמענט פֿון די דרײַ ביסקופֿשאַפֿטן Toul, Metz, Verdun.

18 pension — פּענסיע.
19 survivance — אַ פּריווילעגיע וואָס גייט אַריבער אויף קינדער.
20 Charles-Gaspard Dodun, 1679—1736 — אַ מיטגליד פֿונעם פֿינאַנצראַט אין 1715.
21 ניט־אידענטיפֿיצירט.
22 disputé.
23 négligé — פֿאַרוואַרלאָזט.
24 arriérage — הינטערשטעליקע חובֿות.
25 = אָנפֿאַנג.

## 4

עמ"י[1] פריז יום ד' ר"ח תמוז תע"ז לפ"ק

שלו'[ם] לאהובי'[נו] האלופי'[ם] רוזני'[ם] והקציני'[ם] פרנסי'[ם] ומנהיגי'[ם] כל חד וחד לפי מעלתו וכבודו יצ"ו וכאל"ש ר"ד י"א כתבתי למעלתכם ביו'[ם] אתמול מה שעשה כמ"ר איצק שפייאר בלי טעם וסברה עד הנה האב סובל גוועזן.[2] מעלתכם האבן מיר אלש מזרז גוועזן צו טון לטובת הקהילה. אונ'[ט] באגודה אחת צו זיין. איז ת"ל מיין שולד ניט גוועזן אין קיינרלייא בין קופץ ונשבע דאש איך קיין דריסת רגל גיטון האב קודם ער כאן קומן איז. וואו ניט ליב ווימפֿין דרבייא איז גוועזן [.] אבר אזו בלד ער כאן קומן איז גלייך גזוכֿט מיך מבלבל צו זיין איז שלא לצורך אלש צו שרייבן אלמלא ניט ווער גוועזן לכבוד המקום ב"ה ולכבוד קהלתינו הקדושה ווער איך שון לגג דרהיים. מה לי לצרה זו. במקום מאן זאל איינר דעם אנדרי זאגן אונ'[ט] עצות האלטין ובפרט'[ות] אין זאלכי שווערי עסקי'[ם] אזו דאך כל ימיו אונזר קהילה ניט מער האט אויף זיך גהאט. גֵיט ער בסוד צו אדון דב"ק[3] וויא אתמול גמעלד האב וואו איך בדרך אחר האב בדיעה גיהט אן צו גרייפן אונ'[ט] ודאי יותר פועל גוועזן [.] שלעכט מאן מוז מיט הנ"ל בדרכים גֵין ניט כדרך הסדר וויא מיר אפילו זייני גוטי פֿריינט גזאגט האבן. נון האט איצק מיין גנצר בניין בלי ידיעתי אום גווארפין [.] מאג נון גֵין וויא השם ב"ה וויל [,] בין מיך מנקה. איז דאך כל ימיו ניט ערהערט ווערדן וויא זאל איין יחיד זיך אונטר שטֵין וואו משולח מן קהל י"ץ איז צו גֵין בלי ידיעתו אונ'[ט] מכח גאוה אונ'[ט] זונשט טעמי'[ם] נימוקי'[ם] ער אפשר האט איין עסק וועלין שליסן וואו איך נון ממש חצי שנה לאַוויר[4] כדי ממעט המס הכבדה בעו"ה. וואו לע"ע בקושי גדולה ווֹרט לתועלת זיין אדרבה להיפוך וויא מעלתכם זֵיהן ווארדן אונ'[ט] זעלבשט בדענקן ווערדן. ניט דר וֵוינגר אזו לגג איך כאן בין איז דאך מוטל עלי צו טון לטובתינו מה דאפשרי. בשביל כך בין איך גנגין אתמול צו אדון דב"ק הנ"ל. אונ'[ט] אים צו גמוט חצי שעה אודייענס כדי לדבר עמו לארכה ולרחבה. ואמר לי תכף [:] וואש זאל איך אודייענס געבן [?] פֿאר איזה ימי'[ם] איז איין גדול אצלי גוועזן [—] האט השם מן איצק ניט גווישט [—] אונ'[ט] מיט מיר גרעט אבר אלש ניקש. אבר בין גר איבל צו פֿרידן מיט אייך [.] אתמול איז איין קטן קומן [—] האט אך שמו ניט גווישט שלעכט עז ווער דער זעלביג דער עם משולחי'[ם] מקדמת ווער כאן גוועזן דער איז ליבל. [—] האט מיר איין אופֿיר[5] גיטון האב בלד שאַסי[6] וועלין. והשיב [:] אדוני איך וואש פון אלם ניקש וועלכי בייא דיר זיין גוועזן איז בלי ידיעתי איך בין בשם הקהל ווען דוא מיר צו הערן ווילשט מוטב באם לאו גין איך מיין וועג ווידר [.] האט עבין וועלין אויז פֿארין. ענטליך מיר גזאגט אויב אום שעה ג' אחר חצות וועלט ווידר קומן.

האב ניט מאנקירט אונ'[ט] ר' זיסקינד חלפין מיט מיר גנומן. האט מיך גלייך בקאבינע[7] שלו גפֿירט ושאלתי[8] ווארום איך ניט לבד קומן בין והישב [:] אדוני האט ניקש צו בטייטן איז מיין מאן אצלי. דיא קונפֿעראנס[9] איך עמו גהאט האב האט גווערט ב' שעו'[ת] עד שעה ה'. איך האב אים ניקש הויכן גלאזן ת"ל[10] מתחילה ועד סוף כל המעמד שלנו. וויא מאן אים האט מרמה גוועזן אונ'[ט] מיט איידל שקרים וכזבי'[ם] אין בריכֿט וויא טריניאר[11] איין פֿריבון[12] איז אונ'[ט] מיך וואונדר גנומן האט ער אזו איין לומפ'[ן] האט צו זיך גלאזט

וכה״ג[13] לאַמי[14] וועלכי אים האבן צרות גיטון אונ׳[ט] זונשט דברים [.] כל הדברים שלו זיין גוועזן [:] איך קען קיין פשרה עמכם מאכֿן איר וועלט מיר ניקש געבן אונ׳[ט] קאן עז אך ניט טון ווער מיר איין דֶעזהונער[15] איך דארף זאלכש ניט טון. מאן זאגט גלייך ער העט ניט גהאט דרום העט ער פשר גמכֿט. והישב לו[16] אדוני הלשטו דאש פֿאר ניקש ווען מאן געבן וויל איין ראַנד[17] מן ב׳ פעמי׳[ם] מאה אלפי׳[ם] לערך כל שנה פֿאר אזו איין ארמי קומינאטע[18] דיא שונט גשארשט איז כידועה. דאש ווער אלש ניקש ער קענט דש ניט טון. האט גרעט אלש גוטש אין עולם מאן זעלט ניט זארגין וועלט כל הטובת בעולם טון. ער מוזט לאזן דען מס דווקא אויף הֵיבן אונ׳[ט] זֵיהן וואש אים פראַדווירט[19] כדי מאן ניט זאגט ער פשר העט גמכֿט ווער נגד כבוד שלו אונ׳[ט] קיין אנדרי דיבור גרעט אונ׳[ט] דרויף גבליבן. מאן זאל ניט זארגן ער וורט ניט מיט גוואלט גין אדרבה מיט גוטם אך ורק קהל י״ץ זאל אים בהילפיג זיין. ואמר לו [:] ווארשט מסתמא דיין קומיסיון לאמי[20] שיקן והישב [:] לא ער ווארט איינט אנ׳[דרן] שיקן דער מיט עניי׳[ם] ווארט נוהג חסד זיין. ער העט לשם גשיקט דיא אַרע צו מֵיץ אויף צו הֵיבן העט אים שם איינר המעו׳[ת] אַוואנסירט[21] ור תשלומין זאל זעלביגר זיך בצלט מאכֿן בכן אונש דש ערשט מעו׳[ת] אים קומט. ער ווארט דיא אַרע[22] גלייך סינפּיע[23] לאזן דאש אים קהל זאל געבן המספר אונטר חתמנ׳[ט] מן ד׳ פרנסי׳[ם] והשיב אדוני דוא האשט זיא דאך. דיא ווער ניט גחתמנ׳[ט] אונ׳[ט] זיין פאטאנט[24] לייטן אזו אונ׳[ט] קהל מוזט המעו׳[ת] אויף הֵיבן. והישב [:] אדוני דער ניט צלט וויא טוט מאן [?] ווארט ער זֵיהן וויא עז מאכן וורט. אונ׳[ט] אלש דר בייא גזאגט זאל ניט זארגן ווארט אונש ניקש צו ווידר טון. האב אים כמה וכמה פעמי׳[ם] גבעטין [:] אדוני דאש איז אלש קיין תכלית פֿאר דיך אונ׳[ט] אונש דאש היישט קיין התחלה אונ׳[ט] קיין סוף אונ׳[ט] מיר וועלטין גערין אדוני איין מולט וישן וואו מיר האלטין כדי דוא אונ׳[ט] מיר מיט מנוחה לעבין קענן. אבר קיין אנדרי תשובה אלש כנ״ל ער מוזט דש טון ווען אים שונט וְוִינגר אין טראגט דא בייא איז עז גבליבן. קאן ניט שרייבן גנוג דיא טובה דברים מיר געבן האט. האב מיך גלייך מוזן אצלו זעצין [.]

לאחר כל הדברים הנ״ל זאג איך [:] אדוני וואש זאגשטו צו המשפט עם סוחרי׳[ם] וואש מיר ארמי לייט אויז שטֵין איך ביט למען הרחמי׳[ם] טון מה שביכלתו. והישב [:] דער גדול האט אך מיט מיר גרעט בין אך בייא אַמלאָט[25] גוועזן האט מיר צו וואר גזאגט ווער מיר לכבוד צו רוק האלטין. אבר מחר וויל איך דיר לכבוד ווידר אצלו גֵין אונ׳[ט] אים ביטן וועלכש מיר ניט אב שלאגן וורט זאל ניקש טון ביז איר אייער פריווילעש העט פון מלך יר״ה כדי ער אייך ווייטר ניקש טון קאן. קאנשט דיך מבטיח על זה זיין וורט מירש ניט אב שלאגן. אייער משפט וורט אזו ליגן בלייבן. אבר איז דאך בילך[26] מאן מיר הטרחה בצלט [:] והישב [:] אדוני מיר פֿאר לנגן ניקש בחנם. ווארשטו אונש טובת טון ווארן מיר זיך אך אין שטעלין אבר זונשט ניט. מיר זיין ארמי לייט קענין וואל ניט פיל געבן רק בתנם בגערן מיר ניקש. הוט אים וואל גיפֿאלין איך אזו אופֿנטליך עמו גרעט הב. בקיצור הוט ב׳ שעו׳[ת] גווערט.

וואש נון כוונתו איז על כל הנ״ל וואש איך ניט. אויב באמת הטעם איז וואש ער זאגט דאש הפשר אים העדר כבוד איז. אודר אויב ער לאדון רעשאן וייזן וויל וויא אים וְוִינק אויז טראגט. אודר אפשר דער ערלת׳[ה] פֿונטען[27] ווייזן וויל וויא ניט יותר אויז טראגט אלש וויש ער קאן ביקומין. ולאח״כ אפשר עמנו בסוד פשר וויל מאכֿן. עכ״פ האט ער טעם גדול דרויף. ווען אים שונט י״ב אלפי׳[ם] גבאטין העט ווער הכל חדה. אפֿשר קאן אך זיין ער ניט גלאבין וויל אונ׳[ט] מיינט יותר צו ביקומין דען האט מיר באמת הנחה גלֵיגט וויא ער יותר אלש ה׳ מאו׳[ת] ב״ב העט מיט דער מדינה. אין דער מדינה ווישט ער ודאי אלש יותר ווערן

אלש אויף ליסט[28] שטֵיט. והשיב [:] גיין אונש ניקש אן.[29] האט אך גזאגט ווענן עבר ביט ער אים דאך המעו׳[ת] מוכן צו האלטין. והישב [:] אדוני מיר מיינן זאל ערשט איצונד אן פֿאנגן [,] מיר האבן זאלכי גרושי הוצאו׳[ת] גהט זינט דען עסק וואו דוא הגרם בישט. והישב ער העט אך וואל הוצאו׳[ת] גיהט. דיא אַרע קאשט ג׳ אלפי׳[ם] אלף לאדון שאנסיליע טריניאַר וחברות׳[ו] זונשט וויש ער אויז געבן העט. האב אלש אויז גרעט עמו אבר אין אלם קיין שלוס או שורש. נון מה לעשות [?] זאל מאן ווידר אן פֿאנגן במשפט צו גֵין עמו [?] דינט אך ניט גר וואל. אזו הענקין לאזן [—] דינט אך ניט. מי יודע וויא לנג נאך דיא עסקי׳[ם] גוועדן קענן. אונטר דעסין וואר איך לפעמי׳[ם] ווידר צו אים גֵין. אונ׳[ט] צו איינם תקיף גדול הידועה דער איז גר גוט פֿריינט. אבר עמי ת״ל נאך בעשר [,] וואר אים כל הדברים הנ״ל זאגן אונ׳[ט] ביטן מיר דרפון צו העלפין אודר צו ערפארן וואש דעתו איז אונ׳[ט] על איזה אופן מיך ור האלטין זאל. ווער מאן אין וויסול גאנגין נאך איזה ימי׳[ם] וויא מיר אוהבי׳[ם] גראטין האבן [,] בלתי ספק ווער טובה גדולה גוועזן [—] קאן ניט אלש שרייבן. אוד׳[ות] המשפט סוחרי׳[ם] כאשר אמר לי כל עולם קענין זיא אונש ניקש טון. ווען שון ח״ו בקונסעל הלז העט דענן עיוות גשֵיהן אָ קונסעל דערעשאנש[30] העטין מיר דאך משפט ביקומין. ע״ש[31] האב אים גזאגט כדי וועלין הערין וויש זאגן וורט. איך וויל מיין לעטער פאטאנט[32] עכ״פ נעמין. והשיב פאַסיאנס[33] מיר וועלין שון זֵיהן. ער איז איין חכם גדול. דאש זיין אלש אוחז. דא האבן מעלתכם כל הנ״ל וואש פֿאר גאנגן איז וואש ווייטר פֿאר פֿאלגן וורט יגיד הזמן אי״ה. אונטר טעסין ביט מעלתכם מיר ניט פֿאר אום גוט האבן אלש מיך לביתי וואר אי״ה בגעבן אונ׳[ט] קענן מיין שליחות איבר ליברן[34] כטוב בעיניכם. דען הקצין איצק שפייאר ואני שיקן זיך לגמרי ניט צו אומין.[35] איך טון בלי נדר קיין דריסת רגל ווייטר עמו. זאל איינר נון גֵין מצד אחד אונ׳[ט] דער אנדר מצד אחר [—] אתם חכמי׳[ם] ונבוני׳[ם] דאש ניט דינט זאלכש. מאן האט מיך ניט בוחר לשליחו׳[ת] גוועזן דאש איך פֿאר מיין שכירות זאל זאלכי שברון לב האבן [;] בין איין ב״ב דער ניט מובחר לכך איז אונ׳[ט] זיך די כל עסקי קהל טרינגט[36] וואו לבסוף ניקש אלש קטטות ור אורזאכֿט. האט עז מיט חברו ליב ווימפן אך גיטון לפ״ו כהר״ר לייבש. בין זאלכש ניט מחויב צו ליידן [.] מי שמע ומי יראה כזאת [;] ליב ווימפן זאל גֵין צו אדון אונ׳[ט] אים ביטן מעו׳[ת] בלי ידיעתי ובלי רשותי. גאנצי יום לאפֿט ער זיין לומפי עסקי׳[ם] נאך [,] כל יוצא מפיו שקר הוא. איך בין צו איצק ניט קומן. אונ׳[ט] ער צו מיר ניט. שלעכט הוא רוכל וגו׳[מר] דהיינו ליב ווימפין פ״ו הקצין כמ״ר משה איז שולד איך אין מיט גנומן האב וויא וואל מאן מיך מוהיר עליו האט גוועזן האב אבר הקראקטער ניט גיקענט. איך בין ת״ל יוצא אין אלם ב״ה הב עד הנה עסקי קהל בֿאר זֵיהן[37] וואש מיגלך איז גוועזן צו טון אונ׳[ט] יומם ולילה ניקש אנדרשט גטראכֿט אונ׳[ט] גיטון לפי קט שכלי [.] המקום ב״ה האט מיך ת״ל באמת עד הנה דרך הישר גפֿירט. אבר זינט קירוב הימי׳[ם] ערזֵיהן דיא עסקי׳[ם] רכיל׳[ות] ול״ה[38] אונ׳[ט] הכל שלא לש״ש.[39] איזה טעמי׳[ם] נימוקי׳[ם] שאין צריך לכתוב. מה לי לצרה זו [?] איך בין זאלכש ניט מחויב צו ליידן בגעבין [.] דואג אני איך חלילא ניט אויז שטֵין קענט זאלכי שאגרין[40] אונ׳[ט] וואו ודאי ח״ו הזיקות גדולת קענין נולד ווערדן. איז פיל בעשר מעלתכם לאזן אחירי׳[ם] קומן. אודר איצק שפייאר מכבד זיין. איך בין פטור מחול במחילה גמורה על הכבוד [,] איז אך שונט סמוך חצי שנה איך מביתי בין. אונטר דעסין אזו לנג איך נאך כאן בין וואר איך טון מה דאפשרי לטובת הכלל אי״ה [.]

מוז מעלתכם דר גלייכן מודיע זיין וויא אך אתמול בייא מ׳ רובין[41] ווידר גוועזן בין. וויא מקדמת אזו בֵיז איז גוועזן. לע״ע להיפוך קאן ניט מפליג גנוג זיין. האב אים גזאגט וואש מיר מעלתכם גשריבן האבן. האט זיך מעכטיג בדאנקט וויל קיין דיעה. האט מיר ביפֿולן כמה פעמי׳[ם] אייך צו שרייבן אונ׳[ט] בשבילו ביטן אים ניקש בֵיז אויף צו נעמין וואש גיטון

האט. עז וורט במקום אחר טובת טון וואו אים נאר מיגלך וורט זיין. אונ'[ט] זאל אייך שרייבן וורט מיינן ווייל עז ניט נעמין וויל בשביל כך ווארט עז ניט אונזר אוהב זיין [,] אדרבה יותר ויותר. עז ווער איין ב"י[42] אצלו גחעזן [,] העט אים וועלן מתנה געבן בשביל קהל יצ"ו העט כנ"ל זיך בדאנקט. האלט זאלכש ור שקר גמור [;] ווער זיין דיא נדיבי"[ם] [?] מיט פ"ו כמ"ר הירץ זאל נאך קצת גדולט האבן. איצק האט שבועה זו מיט גוואלט וועלן האבן זאל רעקעט[43] אן געבן נגד קטן הנ"ל. האט עז גזאגט לפני כמה ב"ב כאן. והישב [:] חלילא [,] וועץ מיר קהל דיא אורדר[44] וורט געבן איז צייט [,] זונשט ניט אום כל הון. יפה עשיתי ת"ל [,] דינט ניט הכל צו שרייבן ודי בזו. על תשובתכם אצפה כדי מיך מכין בין על הדרך צו בגעבן לחיים ולשלום. זונשט חדושי'[ם] מיעוטי'[ם] ותו שלו'[ם] ומא"ה ב"ע אהובי וממני ישי ווילשטט.

★

קיצור פֿון בריוו 4: ישי ווילשטאַט איז אויפֿגעבראַכט, ווײַל אַן זײַן וויסן האָט אַ מעצער ייִד, איצק שפּײַאַר, פֿאַרהאַנדלט, אויף אייגענער אַחריות, מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרשטייערס פֿון דער מלוכה, און דאָס קאָן נאָר ברענגען שאָדן דער קהילה. לויטן שליח, איז איצק שפּײַאַר אויסן נאָר צו אַראַנזשירן זײַנע אייגענע אינטערעסן בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט.

ער אַליין איז דערווײַל געווען בײַם דוכּס בראַנקאַס, וועלכער האָט נישט געוואָלט הערן פֿון קיין פּשרה־אָפּמאַך אינעם עסק פֿון דער נײַער טאַקסע אויף די מעצער ייִדן. ער האָט אָבער צוגעזאָגט צו אינטערוועניר לטובֿת דער מעצער קהילה בײַ אַמעלאָ. דער שליח איז מודיע אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט ער זיך טרעפֿן מיט זייער אַ וויכטיקער פּערזאָן און בעטן אַן עצה און הילף.

באַרירנדיק נאָך אַ מאָל איצק שפּײַאַרס „אומפֿאַרשעמטע" און שעדלעכע טעטיקייט, דערקלערט ווילשטאַט זײַן גרייטקייט זיך אָפּצוזאָגן פֿון זײַן שליחות וואָס ברענגט אים נאָר פֿאַרדראָס און עגמת־נפֿש.

נאָך אַן אַנדערע פּערזענלעכקייט, ראָבען, האָט דעם שליח צוגעזאָגט צו העלפֿן אינעם עסק פֿון דער „טאַקס בראַנקאַס", שרײַבט ווילשטאַט צום סוף פֿונעם בריוו.

## הערות

1 = עזרי מעם י'.

2 אינטערפּונקציע לויט דעם אָריגינאַל.

3 = de Brancas.

4 לאַווירן, מאַנעווּרירן.

5 offre — פֿאַרשלאָג, אָנבאָט.

6 chasser — אַוועקיאָגן, פֿאַרטרײַבן.

7 קאַבינעט.

8 ד"ה ער האָט מיך געפֿרעגט; די ריכטיקע העברעיִשע פֿאָרעם וואָלט געווען: וישאלני.

9 conférence — קאָנפֿערענץ.

10 = תהלה לאל — אַ דאַנק גאָט.

11 Trignard?

12 fripon — אַ מגובֿל.

13 = וכהאי גוונא — און דאָס גלײַכן.

14 Lamy?

15 deshonneur — אומכּבֿוד.

16 איך האָב אים געענטפֿערט.

17 rente — אַ מין אָבליגאַציע וואָס צאָלט פּראָצענט.

18 communauté — קהילה.

19 produit — אויסמאַכן.

20 commission Lamy — אַ קאָמיסיע אונטער דעם פֿאָרזיץ פֿון לאַמי.

21 avancer — (געלט) אויסלייגן.

22 arret — דעקרעט.

23 signifier — באַקאַנט מאַכן.

24 (lettres) patentes — אָפֿן, ניט פֿאַרזיגלט.

25 זען הערה 27 צו בריוו 6.

26 דײַטשיש: billig — גערעכט, עס געשיקט זיך.

27 de Fontaine.

28 liste — רשימה.

29 ווי אַזוי זאָל מען אייגנטלעך די ווערטער פֿאַרשטיין?

30 Conseil de Régence — רעגענצראַט.

31 = ערבֿ־שבת.

32 זען הערה 24.

33 patience — געדולד.

34 ליווערן.

35 = צוזאַמען.

36 = דרינגט.

37 = פֿאַרזען.

38 = לשון־הרע.
39 = לשם־שמים.
40 chagrin — עגמת־נפֿש.
41 זען הערה 4 צו בריוו 5.
42 = בן־ישראל.
43 requête — בקשה.
44 ordre — באַפֿעל, פֿאַראָרדענונג.

## 5

שיל״ת פריז יום ו׳ ט״ו מנחם תע״ז לפ״ק

שלו[ם] לאהובי[ם] האלופי[ם] רוזני[ם] והקציני[ם] פרנסי[ם] ומנהיגי[ם] כל חד וחד לפי מעלתו. ובראשם הגאון והמפורסם אב״ד ורמ׳ אי״א[1] כמוהר״ר אהרן[2] יצ״ו. וכאל״ש ר״ד י״א. ביו[ם] ד׳ עבר שלחתי למעלתכם סוקופֿערט[3] כתב של כהר״ר יוקב האמבורג. וביו[ם] ג׳ עבר כתבתי המעמד עם המשפט גם מה שאמר לי מ׳ רובין[4] אקוה פ״ו הקצין כמ״ר הירץ לוי ווארט לע״ע חוץ לתפיסה זיין. זינט הער היינו אצל איש של דב״ק. יותר אלש ב׳ שעו[ת] אצלו גוועזן אונ[ט] האט כל הכתבי[ם] שלנו בדיאוג [= בדיוק] גדול איבר זיהן דהיינו כל הקיומי[ם] שלנו והאפערמיסיון[5] מן דוכסי[ם]. כדי איין עקסטרע צו מאכן דש עם אַמלאט[6] קונטעסטין[7] קען. איז איין חכם גדול ובריי[ה] גדול. אבר בלתי אפשרו גוועזן דש אונש המשפט קענט גוואונין געבן. מאחר כל הקיומי[ם] שלנו זיך אלי בציהן אונ[ט] קונפֿארמירן[8] רק דיא ערשטי פריווילעש[9] וועלכי ניט פֿאר הנדין זיין. רק סוחרי[ם][10] ברענגן בכתבי[ם] שלהם דש ניקש גוועזן איז. איז קיין טיטר[11] פֿאר אונש פֿאר הנדין דש מתיר איז סחורו[ת] צו הנדלין רק קיומי[ם] של מלך ע״ה וועלכי שטֵין אך בלשון דש ניט גנץ רעכט איז. דהיינו ערשט שטֵיט קונפירמט ראשוני[ם] ולאח״כ — mesmc — סחורו[ת] וואו ארויף דאש פארלימענט קיין ארע[12] העט קענן געבן בשנת תרצ״ה.[13] ווער לשון משתמע לתרי אפי אונ[ט] דיא ארע בקונסעל בשנה שלאחריו ווער אך קיין דעסיזיון[14] אונ[ט] סוחרי[ם] ווערן אַן דראַ[15] אין צו קומין. האט דען עסק איבר לֵיגט מתחילה ועד סוף. לפי קט שכלי האט אלי רעכט. מיר האבן אין גבעטין דאך עם אטפאקאט שלנו צו רידן וועלכש גיטון האט לפנינו האט עמו דען עסק אויז גרעט. לעוואסער[16] האט ג״כ מודה גוועזן וויא אַמלאט רעכט העט אונ[ט] מוזט אונש לפי דין פֿאר שפילט געבן. אתמול בהשכמה איז אדון דארמענוביל דב״ק אונ[ט] איש הנ״ל יחדיו גוועזן יותר אלש שעה אונ[ט] דען עסק איבר לֵיגט על איזה אופן זיא עז מאכן וועלין כדי מיר דרפין קענין קומן. איז יחדיו גבליבן היו[ם] אחר חצות וועלין זיא יחדיו פֿארין צו אַמלאט באם אפשר וורט זיין אין צו איבר רֵידן אלש דיא ארע מעכֿט געבן קענן קודם הקיומי[ם] מוטב. וועלכש גר בקושי וורט זיין. באם לאו ווארט אדון הנ״ל דיא קיומי[ם] שטעלין בכל אופן המועיל וורט מוזכר ווערדן דש משפט לפי שעה. אבר באופן אחר אלש ישיני[ם] קיומי[ם]. האט מיר קופץ ונשבע גוועזן דש כל הקיומי[ם] שלנו ניט שוה פרוטה אחת זיין. אונ[ט] זיך מתמי[ה] גוועזן דש מיר על קיומי[ם] הנ״ל זיך בהאלטין העטין [;] מוזטן גרושי עם הארצי[ם] זיין אונזר קונסעל [.] כל הקיומי[ם] הנ״ל רולטי [?] רק על הפריווילעש ראשוני[ם] אונ[ט] דיא מוזטין מיר שאפן. אבר וועלט דיא מאכֿן דש ודאי ניקש ווארט צו רֵידן זיין. וואש שטֵיט דרויף זיא ווערן פֿאַרמע אָפּאָזיסיון[17] אויף דיא אַנרעשיסטרמאן.[18] זיא וועלטי אלש שונט גשֵיהן ווער כדי דיא אַרע גלייך דרויף ביקומט דען על אופֿן זיא גשטעלט ווערדן קאן קונסעל ניט אנדרשט מאכֿן. דען עסק האבן מיר אלש אויז גרעט לפני אטפאקאט שלנו. ודאי ווער פיל בעשר ווען מיר דיא ארע קענטין ערשט האבן. כך אמר לנו ווער בלתי אפשר מיר זעלטין אמלאט ניקש מאַשים זיין ווער ניט בידו מיר העטין גר שפילה טיטר אונ[ט] האט ישר הוט זונשט כמה רעזון[19] דרבייא גזאגט. ובפרט בעיתם הללו. דער עסק עם דב״ק איז קצת גאולה. חלילה אלש גיט ווערט. ודאי

ובלתי ספק ווער גנץ מו״מ פֿאַר לארן. אונ׳[ט] חלילא אויז שויס [?]. איז בלתי אפשר להאמין דער ניט דרבייא אונ׳[ט] זיכט וויא עסקי׳[ם] צו גין. וואש פֿאַר פֿאלגן וורט היו׳[ם]. וואר ביו׳[ם] א׳ אי״ה בריכטן.

עסק עם אינדאנדאן איז אויז. ער גיט ווידר למֵיץ זאגט וואל וורט בלייבן. אבר אוהב אמר לא וורט זאל ג׳ או ד״ת[20] בלייבן ולאח״כ אוועק על ....... או במקום אחר אזו וואש מאן קיין רעכטי שורש. ער גיט תוך איזה ימי׳[ם] פורט. ותו שלו׳[ם] ומא״ה ב״ע אה׳ ומנאי הטרוד ישי ווילשטט

ופורס בשלו׳[ם] האלופי׳[ם] שמשי׳[ם]

a Monsieur

Monsieur olry Cahain Laisné sindic de la Communauté des — Juifs

a Metz

[אונטער דעם אַדרעס אַ צושריפֿט:] יו׳ ט״ו מנחם תע״ז ק׳ [קבלנו] יו׳ ב׳ י״ז הנ״ל. [אַחוץ דעם אַן אַנדערע צושריפֿט:] יו׳ ו׳ ט״ו מנחם ק׳ ב׳ י״ז הנ״ל והשבנו יו׳ ג׳ ח״י הנ״ל דז זולן שמה בלייבן עד גמר עסק דב״ק דהיינו דיא קאנפירמאסיאן של כל הקיומים וכל הארעטש. ובפרטות ארע תרצ״ה הכולל אלי דיא שישעמאן... רעגלעמאן שנעשה ע״פ הפרלעמאן וגם ארעט תרצ״ו של קאנסעל בפרטות הפקח הטיב על... עסקי הסוחרי׳ וקצבי׳ מאחר לע״ע כל... מתנגדים כאן [.]

★

קיצור פֿון בריוו 5: מען האָט זיך געטראָפֿן מיט ראָבען. ער האָט געזאָלט דורכקוקן אַלע דאָקומענטן וואָס דער שליח האָט אים פֿאָרגעלייגט. לויט אים זענען די „לעטער פּאַטאַנט״, וואָס די מעצער קהילה האָט באַקומען פֿון דעם קיניג לוי דעם פֿערצנטן, נישט גענוג קלאָר, און מען קען זיי אויסטייטשן פֿאַרשיידן, באַזונדערס וואָס שייך די דערלויבעניש צו פֿירן האַנדל — אַן ענין וואָס די קריסטלעכע סוחרים פֿון מעץ האָבן שטאַרק אַטאַקירט.

דערווײַל איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון דרײַ וויכטיקע פּערזענלעכקייטן: דער דוכּס בראַנקאַס, דער גראַף ד׳אַרמענאָנוויל און די „דערמאַנטע פּערזאָן״, וועגן דער „טאַקס בראַנקאַס״.

דעם דוכּס בראַנקאַס׳ פֿאַרשטייער האָט פֿאַרלאַנגט פֿונעם שליח, אַז ער זאָל געפֿינען די „ערשטע פּריווילעגיעס״, וואָס האָבן געדינט ווי אַ באַזיס פֿאַר אַלע שפּעטערדיקע „לעטער פּאַטאַנט״.

## הערות

[1] = איש ירא אלהים.

[2] אהרן וואָרמש, געבוירן אין מעץ גופא. ער איז געווען אַב־בית־דין אין ניי־בריזאַך און אין מאַנהײַם. שפּעטער איז ער געוואָרן אייבערראַבינער פֿון Haute-Alsace, און זײַן נאָמינאַציע אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז געוואָרן באַשטעטיקט דורך דעם Cour de France. לויט אַ נאָטיץ אין דעם פּינקס פֿון דער חברה־קדישא איז ער געשטאָרבן יא אָב תפ״ב (זען: Abraham Cahen, *Le Rabbinat de Metz pendant la période française*, Paris 1886, 49–50.

[3] sous couvert — אַ פֿאַרמאַכטער בריוו.

[4] Jean-Baptiste Robin — געבוירן אַרום 1665, אַ זון פֿון זשאַן ראָבען, באַנקיר אין מעץ, איז געוואָרן אַדוואָקאַט בײַם פּאַרלאַמענט פֿון מעץ אין 1693, שפּעטער — הויפּט־קאָמיסאַר פֿאַר קריגס־ענינים אין דער פּראָווינץ, אַרום 1700–1715 subdélégué général פֿונעם דעמאָלטיקן אינטענדאַנט Barberie de St. Contest. ראָבען איז אויך געווען פֿראַנצייזישער אַמבאַסאַדאָר אין באַדן. געשטאָרבן אין 1732.

[5] permission — דערלויבעניש.

[6] זען הערה 27 צו בריוו נ׳ 6.

[7] contester — זײַן אין ספק.

[8] confirmé — באַשטעטיקט.

[9] privilège — פּריווילעגיע.

[10] ד״ה די קריסטלעכע סוחרים פֿון מעץ וועלכע האָבן פֿאַרלאַנגט אַ פֿאַרווער פֿון יידישן

האַנדל. זייער טענה איז געווען, אַז די יידישע סוחרים האָבן נישט געהאַט קיין דערלויבעניש דערויף.

11 titre — רעכט, אַפּזאָג.
12 arrêt — באַשלוס.
13 = 1695.
14 décision — באַשלוס.
15 en droit — האָבן דאָס רעכט.
16 Levasseur? — ניט באַקאַנט.
17 former opposition — אַנטקעגן זיך שטעלט ווען מען יורידישער אויסדרוק, באַשטימטע באַשלוסן.
18 enregistrement — פֿאַררעגיסטרירונג.
19 raison — ריכטיקע רייד, דיבורים.
20 דריי אָדער פֿיר חדשים.

## 6

פאריס יו׳ וי״ו עש״ק ה׳ שבט תע״ח לפ״ק

החיי[ם] והשלו[ם] וכל טוב לאהובינו ידידינו ה״ה האלופי[ם] רוזני[ם] הקציני[ם] פרנסי ומנהיגי[ם] חכמי[ם] וגביני[ם] יראי[ם] ושלמי[ם] שתדלני[ם] בקהלתינו הקדושה יצ״ו וכאל״ש ר״ד י״א.

גי״ה[1] מיו[ם] א׳ קבלנו זאמבט[2] איין מעמאהר מאזה רעסון[3] אליז מעלתכם האבן אויף גיזעצט, לטובתי[נו] זולכי אונש קיין התחדש׳ זיין, אונ׳ הקעסטיאהן[4] כעת ניט איזט על כל פרט ופרט מן כ״ו ארטיקלש משיב צו זיין מאחר מיר אונש מוזין כלא יודע מאכין דז מיר אינסטריקסיאן[5] האבן מן כ״ו ארטיקל אלי אונ[ט] זיין רק תובע קומיניקאסיאַן[6] של כ״ו ארטיקל ואח״כ אונש לפני קומעסעהר[7] צו שיקן דיא בפני[ם] זיין מעסקי[ם] שלנו וידוע להם איזט הטובו[ת] וסערוויס[8] שעשינו להמלכו[ת] יר״ה[9] תמיד [ע]טאַבליסמאַן[10] של ב״י[11] טוב[ת] הכלל איזט אונ[ט] האבן גזעהן בהיותם במיץ הן אינדאנטאן[12] או שארי שרר[ות] המלכו[ת] יר״ה עסקי[ם] תוך פראַווינס שלנו פאסירט זיין דז ב״י זעהר דינליך אונ[ט] טרייא זיין דיא עטאַט[13] בכל העניני[ם] ועסקי[ם] [,] כמו מעלתכ[ם] זעהין קענין מתוך הקופייא[14] היא מיט[15] פאליגט מהפלאַסע[16] שנתננו לאדון רעשאן[17] יר״ה ע״י אדון דעווילאַר אונש לוזין תשובה געבן דז זולין אצל אדון דענאַעל גין אונ[ט] הקונסעל[18] ווערדין ג״ל שעות גיזעסין באותו פעם עבור דיא ארטיקלש קודם דעסיזאט[19] האבן, בכן זיינן מיר למחרתו ביו[ם] ד׳ בהשכמה ווידר גאנגין בבי[ת] אדון דעווילאר אזו האט ער למעלה על הפלאסע לוזין שטעלין ע״י זיקרעטעהר שלו ראַגאוואַיע אַמוסיער דענאַעל[20] אונ[ט] סימן דראן גימאכט כמו מהרעשאַן ווערט דרויף גשטעלט וואהרן דז אן איהם ראַנוואַיט[21] איזט אצלו, אונ[ט] איין כתב לוזין שרייבן אן אדון דענאעל אונש בכל הטוב און אלי אופני[ם] רעקומאנדירט וויא שייך איזט לאחר אלי טובו[ת] וסערוויס הידועי[ם] לו מיר תמיד גיטון העטין לטוב[ת] המלכו[ת] יר״ה אזו זול מן אונש כעת טראקטיהרן מי ישמע ומי יראה כזאת ובפני כמה וכמה תקיפי[ם] וחשובי[ם] בפה מלא גיזאגט דז איין רחמנו[ת] ווערט דז מן אונש אזו דוט[22] טרעטין, אזו זיין מיר אצל אדון דוכס דענאַעל גאנגין אונ[ט] האבן אים ג״כ אזו איין פלאסע אן געבין כמו העתק היא בייא פאליגט ואותו כתב של מ׳ דעווילאר גיט לידו ממש געבן רק האבן אין לאוהב שלנו[23] געבן בכדי באותו פעם דז אים לידו גיבט תיכף דוט פאר לייאנן אונ[ט] עבורינו רידן קאן וואש מן הצורך לטובתינו איזט צו טאן וויא אויך באמת אוהב שלנו אתמול איין עקסטראַ[24] הוט גימאכט גיהאט מכל הזכיות שלנו אויז דעם פלאסע על צד היותר טוב שלנו אונ[ט] אויך אתמול העט פֿאר גיטראגן באם אדון הדוכס הנ״ל ניט ווערט גאנגין גיוועזין על הראַקעט[25] [.] אזו מיינין מיר דאך דז אוהב שלנו נאך אתמול על הלילה ווארט פֿור גטראגין האבן או היו[ם] בהשכמה בעז״ה אונ[ט] עמו ווארט לטובתינו בכל ה׳ העניני[ם] ועסקי[ם][26] גירעט ווארט האבן לטובתינו להתחסד עמנו ולרחם עלינו וכן נקוים שסיועת ה׳ יהי[ה] בעזרותינו ליתן בלב הדוכס יר״ה להפר עצת הרשעי[ם]

מעלינו ויהפוך הכל לטובה ולמלאו׳[ת] את בקשתינו וזכו׳[ת] התשובה ותפילה וצדקה שנעשה בקהלתינו הקדושה יצ״ו יעמוד לנו [.]

ליל ד׳ עבר זיין מיר גיוועזין אצל האדון אמלא[27] אונ׳[ט] אים ג״כ איין פלאסע כזה אן געבן אבר בוע״ה ווינג נחמה אצלו ביקומין ועומד ברשעתו כבראשונה ה׳ יפר עצתו [.] בין כך הוט אתמול זיקרעטעהר שלו אין שואל גיוועזין אוב זול כל כ״ו ארטיקל תוך הארע שטעלין הוט ער אין נאך גהישן המתן זיין איזה יום מאחר ער זיין דיבור העט געבן לאדון ב״ק[28] לכל היותר עד ט״ו דיזן חודש [.]

לבן של ב״ק שהוא דוכס דעווילאר בראנקאס[29] שלחנו אתמול לשמוע ממנו וואש מצידו איזט גשעהין עבורנו כאשר הבטיח אותנו בכן אונש לוזין זאגין מיר היו׳[ם] בחצות אצלו זולין קומין דען אדון שאנסיליע ואדון אמלא בוע״ה גר בקושי ווערט עפיז אויז צו ריכטין לטובתינו ואדון שאנסיליע[30] איהם העט גיזאגט וויא חסד גינונג ווערט גשעהין דז קיין גירוש העטין געבן לקהלתינו יצ״ו מאחר האוויא[31] של אינטאנדאן שלנו בוע״ה ווערט גיוועזין שני מאו׳[ת] ב״ב ח״ו מגרש צו זיין, אזו איז זיין מיינונג שבאם דז מיר ע״י אדון דוכס דעווילאר וגם ער זיך וואהרן איטלכר מתאמץ זיין בדבר הזה אונ׳[ט] על פעם אן אדון רעשאן אן פאהלן וגם אצל אדון דענאעל דז ע״י כך עפיז זול קענין פועל זיין לטובה בעז״ה [.] מיר האבן בוע״ה תמיד גיוועהין אליז אדון שאנסיליע עם אמלא נפש אחת זיין אונ׳[ט] איין דיעה האבן ובשביל כך האבן מיר עדיין קיין טובה קענין האבן מאדון ש׳ קונטע[32] אונ׳[ט] זיך קיין מולט וואלין מעלדין אצל שאנסיליע רק מיר מיינן שבאם מה׳ יצא הדבר מעכט זיין לטובה דז מיר ראנוואיט[33] לפניו מעכטין וואהרן כמו מיר על כך ע״י אוהב שלנו אצל דוכס דענאעל לוזין ארבטין דז זולכש מעכטין ארהלדן מה טוב אונ׳[ט] בעז״ה איין גאולה וישועה ע״י קומין [.] איז שלא לצורך למעלתכ׳[ם] צו שרייבן וואז זונשטין אצל תקיפי׳[ם] ודוכסי׳[ם] אן לויפן אונ׳[ט] טון כאשר מוטל עלינו [,] בוודאי ידוע למעלתכ׳[ם] דז מצידינו ניקש נעגלישירט[34] וואהרט ודי בזו [.]

אחד וואלע דעשאמפיר[35] ועקוויע[36] של מ׳ דעווילאר אמר לנו וויא נאך איין פריטאנסיאן[37] אן קהל הוט אדון ווילאר כל שנה ריק שטאנט[38] אים אלף ליטראו׳[ת] חייב וועהרן צו געבן [,] אבר לא פגע ולא נגע אונ׳[ט] איז ניקש דראן רק לפי דבריו העט ער גערן מיר איהם זולטין קומין לוזין ד׳ סוסי׳[ם] פור קוטש[39] גר חשוב וואלכש מיר איהם ניט וואהרן אב זאגין אונ׳[ט] מעכטין ווינשן ער שונט כאן העט [;] אונ׳[ט] וויךן מוכרח זיין קומין צו לוזין; ווירט ער אח״כ אונש צאלן [—] מה טוב [,] באם לאו מה לעשות [?] דען בעתי׳[ם] הללו הוט מן קיין טובה בחנם [,] בפרט פון אזו איין תקיף דער זולכי קרעדיט הוט ושעף דעקונסיל דעגעהר[40] איזט [.] מי יודע מה יולד יום [,] בפרט כאן המאמר איזט אליז שלום בין הקיסר יר״ה ותוגר איזט ושארי דברי׳[ם] ניט דינטליך זיין על פני השדה צו שרייבן אונ׳[ט] ווינשן רק קונטינאסיאן[41] של הדוכס הנ״ל כמו עד הנה גיטון הוט אונ׳[ט] התחלה טובה גימאכט הוט עבורינו ונקוי׳[ם] עושה פירה זול זיין [.]

גם איזט המאמר כאן אליז אדון אינטאנדאן שלנו תובע הוט גיוועזין אינדאנטאנס על ליל[42] אבר נאך ניט בוודאי דז אוחז נעמין ווארט זולכש [.]

מעלתכ׳[ם] שרייבן בכתבי׳[ם] דז זיך שטאריק מתמי׳[ה] זיין מאחר אין ג׳ כתבי׳[ם] ניקש העטין מזכר גיוועזין מה״ה כהר״ר יעקב ווירמש ובשביל כך בדאגה זינן מיר ח״ו ניט באגודה אחת וועהרן אונ׳[ט] אונש מזרז זיין קיין פירוד לבבו׳[ת] בינינו זול זיין [.] ידענו גם ידענו דז כעת הזמן ניט גורם איזט ח״ו כאן אין אוהן אייניקייט צו לעבן אונ׳[ט] האבן אויך בכתבינו הקודם למעלתכ׳[ם] גשריבן אליז להבא זולין הכתבי׳[ם] אן ה״ה כהר״ר יעקב ווירמש וה״ה יעקב שוואב שרייבן אזו וואהל אליז אן אונש אונ׳[ט] ניט לבד הכבוד בגעהרן אונ׳[ט] טון אלי עסקי׳[ם] ועניני׳[ם] לשם שמים אונ׳[ט] ניט ח״ו על גאוה ושטות כבוד ח״ו

פֿור לאַנגין. [.] גם האבן מיר מן איזה ימי׳[ם] העברה ניט קענין ווישן הטעם ה״ה כהר״ר מאיר שווייך זיך מאתנו הוט מתרחק [?] גיוועזין אונ׳[ט] ניט אצלינו קומין אונ[ט] מיר זיין איזה פעמי׳[ם] בביתו גיוועזין ניט קענין אן טרעפין עד אתמול הקצין פו״מ איצק שפייאר אים בגעגנט איזט אונ׳[ט] עמו גירעט למה ער זיך מאיתנו מתרחק [?] איזט [.] והשיב לו וויא כתבי׳[ם] ממיץ העטי ביקומין דז מן איהן בקהלתינו יצ״ו בכלל בכל הקהילה ממש בפרהסי׳[ה] מארר ומקלל איזט אונ׳[ט] חושד איזט דז אלי מסירו׳[ת] נגדינו זולטי טון ח״ו במקום דז באמת אלי טוב׳[ת] הוט גיטון וואש ער הוט קענין טון וואו הכירו׳[ת] הוט גיהאט אונ׳[ט] באמתות ושלימו׳[ת] עמנו איזט גאנגין כאשר מעידן עליו [.] אזו האבן מפציר אן איהם גיוועזין אונש צו זאגין וואו אים השמוע אהער קומט ויילן שקרי׳[ם] וכזבי׳[ם] זיין [.] הוט גיזאגט וויא אים אשתו הוט גשריבן העט זולכש דאך ניט מאמין גיוועזין באם ניט העט איש מהימן מקרוביו בקהילתינו העט גשריבן אונ׳[ט] אים מייסיר גיוועזין על כך זולכי עסקי׳[ם] נגד קהילתינו יצ״ו ח״ו ווידר בלייבן צו לוזין אונ׳[ט] פה אחד בקהילתינו ווערט כזאת [,] אונ׳[ט] אונש קופץ ונשבע גיוועזין כנ״ל ווערט [.] אזו איז לדעתינו קיין אנדרין ניט דער איהם זולכש הוט גשריבן אונ׳[ט] מייסיר גיוועזין אליז ר׳ דוד שווייך [,] בכן בקשנו ממעלתכ׳[ם] דז זולין ר׳ דוד שווייך לפני קהל שי׳[חיה] רופין לוזין אונ׳[ט] ממנו חוקר צו זיין אויב ניט אין ח׳ יו׳[ם] זמן אן ר׳ מאיר שווייך הוט גשריבן ובאם דז ר׳ דוד הנ״ל זולכש הוט גשריבן [—] על השורש הדבר צו קומין ממי זולכש הוט גיהערט דען יוכל להיו׳[ת] איינר מוצא שם רע עליו הוט גיוועזין בכדי שבאם בידו לעשות טובה אצל תקיף א׳ וואו היכר׳[ות] הוט נוסג אחור זול זיין [.] לכן ועל כן על השורש הדבר צו קומין [.] ה״ה פו״מ[43] כ׳ משה שוואב שרייבט למטה בכתב הקהל שי׳[חיה] דז מיר לאדון ב״ק קיין וד״ל זולין געבן אם לא האַרֶע[44] גאנץ רעוואקט[45] זול זיין אונ׳[ט] דאך אין ניט קאבאפל[46] לכך דוט הלדין [;] אזו וואהרן אויז כתבינו הקודמי׳[ם] ארזעהן האבן דז בוע״ה קיין רעכטי טובה ממנו איזט צו ביקומין אונ׳[ט] אלי רשעו׳[ת] ורעו׳[ת] בוע״ה נגדינו הוט גיטון [,] ובאם דז מיר איהם זולטין ממלא זיין דיא כף[47] אלפי׳[ם] קרדיען[48] אזו איז רק דז אונש קיין רעה זול טון [.] ועכ״פ וואהרן מיר איהם ניקש פֿור שפרעכין או געבן אם לא ער אונש מוז קיומי׳[ם] שאפין כמו מיר מקדם האבן גיהאט מהמלך ע״ה לואי י״ד וועלכיש בקושי גישעהין קאן איבר אמלא ושאנסיליע [.]

גם שרייבט אונש פו״מ[49] הנ״ל דז ניט קאן פֿור שטֵין מיט פרעמדי שידוכי׳[ם] או פרעמדין דומעסטיק[50] [;] מעכט זיין דז הפירוש ניט ווערט משרת ומשרתת יהודי׳[ם] ויוכל להיו׳[ת] על ערלי׳[ם] ווערט ניט בבית יהודי׳[ם] צו נעמין לדאמעסטיק [.]

אזו קענין ניט מרוב מכאובינו וצרותינו שרייבן בוע״ה עבור כך האבן אונ׳[ט] וועהר ניט שומע איזט הרשעות מכל א׳ מהארטיקל דז דעתינו איזט דווקא לכלאותינו אונ׳[ט] פלפולי׳[ם] תמיד עמנו צו האבן אונ׳[ט] כל ארטיקל זונדרליך כמה פירושי׳[ם] לא טובי׳[ם] הוט אונש אין גזירו׳[ת] רעו׳[ת] צו ברענגין [;] אונ׳[ט] כל ימינו ניט ח״ו במנוחה זולין קענין בלייבן [.] למשל אחד ארטיקל הראשון דז ת״ף[51] ב״ב כמו עכשיו זיין זולין בלייבן בקהילתינו יצ״ו ואח״כ שטֵיט זולין מוזין מברר זיין דז אהער קומין מן צ״ו[52] הראשוני׳[ם] דז קיומי׳[ם] מהמלך ע״ה לואי י״ד הבן ביקומין [,] אונ׳[ט] שטֵיט ניט דער בייא ת״ף בכל עם איהרן דיסאַנטאַן[53] [.] צא וחשוב וואש ח״ו אויף דען ארטיקל צו ביזורגין איזט אונ׳[ט] כמה פלפולי׳[ם] דרויף שטין בוע״ה, בייא שדוכי׳[ם] שטֵיט בן או בת זיך וואהרן משדך זיין עם א׳ ממדינה אחרת זולין מוזין עוקר דירה זיין [.] ובאותו ארטיקל שטֵיט ווייטר עֶ לעֶנאַוועֶל מאַריִעֶ נעֶ בוָראָן סעֶטאַבלִיר אַמעֶס[54] [.] ווער קאן הפירוש על זה מאכין [?] איז דאך משמע׳[ות] דז ח״ו בקהלתינו זה עם זה ג״כ ניט דרפין משדך זיין ובפרט דז ניט שטיט עם דעסאנטאן [.]

ועל כל א׳ ארטיקל ממש איטלכר ביזונדר איז כמה רשעו׳[ת] שאי אפשר לכתוב ולסבול צו זיין [.] למשל האבן גימאכט וויא מעגין לענין על ה׳ למאה רווחי׳[ם] ובאם דז יותר נעמין זול כמו איסוריער[55] איין משפט ביקומין [.]

בייא מו״מ שטיט איין ארטיקל דז קיין אנדרין דרפין טון כמו דיא זעלביגן דז מותר זיין בתוך הארטיקל בקנס אלף ליטראו׳[ת] אונ׳[ט] פאטיר אונ׳[ט] מוטיר מוזין ערוב זיין פור קינדר שלהם אונ׳[ט] ב״ב פור זיין גזינד [.] ואצל כמה ארטיקל שטֵיט דער בייא אַפֵּין דעֵטִיר שאַסעֶ[56] ח״ו [.]

ולבסוף שטיט דז אינטאנדאן יר״ה ממֵיץ מוז איבר אל וואו נצרך איזט הן תוך המקו׳[ם] או בהמדינה מוז אן שלאגין לוזין [.] באם ח״ו זולט לכך קומין וירט דען איין גאַס תוך המקו׳[ם] או בפרט בכל המדינה דז ניט וואהרט אן גשלאגין ח״ו וואהרן אלי ארטיקל[?] בקיצור זינט ימי המן איז בעו״ה קיין רשעות אזו גשעהין נגדינו [;] הש״י ב״ה ירחם עלינו ויוציאנו מאפילה לאורה וישלח לנו גאולתינו ב״ב ולצרתינו יאמר די [.] כ״ד הכותבי׳[ם] ומוטרדי׳[ם] כ״ה בשירו[ת] הקהל שי׳[חיה] איצק שפייאר ממני השפיל שלמה זלמן כהן תע״ח.

[אויף דער לעצטער זײַט אונטערן טעקסט אַ צושריפֿט: יו׳ ו׳ ה׳ שבט ק׳ יו׳ ב׳ ח׳ שבט עס פלאסע לאדון רעשאן והשבנו על כל פרט ופרט].

✶

קיצור פֿון בריוו 6: אין אַ דאָקומענט („פלאַסע״), וואָס די שליחים האָבן דורך דעם גראַף ווילאַר איבערגעגעבן דעם רעגענט אַליין זענען אונטערגעשטראָכן געוואָרן „אַלע טובות און די גרויסע פֿאַרדינסטן וואָס מיר האָבן פֿאַר דער מלוכה״ און אַז „דער קיום פֿון אַ ייִדישן יישובֿ איז ניצלעך פֿאַרן כּלל״.

די שליחים דערציילן וועגן צוויי וויזיטן: בײַ דעם דוכּס דע נואַי און בײַ אַמעלאָ, וועמען זיי האָבן איבערגעגעבן אַן ענלעכן דאָקומענט. אָבער אַמעלאָ איז „אײַנגעשפּאַרט אין זײַן אַלטער שינאה״ צו דער מעצער קהילה. ווי די שליחים האָבן זיך דערוווּסט, האָט דער מעצער אינטענדאַנט בדעה געהאַט צו פֿאַרטרײַבן צוויי הונדערט ייִדישע משפּחות פֿון מעץ.

אויך דער „שאַנסעליע״, איז קעגן דער קהילה. מען מעג אָבער האָפֿן אויף אַ פֿרײַנדלעכער שטעלונג פֿון דעם דוכּס דע נואַי.

דער גראַף דע ווילאַר פֿאַרלאַנגט טויזנט ליווער פֿון דער מעצער קהילה, כּלומרשט אַן אַלטן חובֿ. עס וואָלט געווען גוט — שרײַבן די שליחים — אים צו שיקן פֿיר שיינע פֿערד פֿאַר זײַן קאַטש.

די שליחים זענען שטאַרק באַאומרויִקט מחמת די ידיעות וועגן פֿאַרשיידענע אינטריגעס אין דער קהילה.

צום סוף ציטירן זיי עטלעכע אַרטיקלען פֿונעם דעקרעט, וואָס ווערט צוגעגרייט וועגן די מעצער ייִדן און מאַכן אויפֿמערקזאַם קהל אויף די סכּנות וואָס די דאָזיקע אַרטיקלען קענען ברענגען, אויב זיי וועלן באַשטעטיקט ווערן דורכן פּאַרלאַמענט.

## הערות

1 = גלילת ידם הקדושה — זייער בריוו.

2 דײַטשיש: samt — צוזאַמען מיט...

3 raison — סיבה.

4 question — פֿראַגע, פּראָבלעם.

5 instruction — אינפֿאָרמאַציע.

6 communication — איבערגעבן דעם תּוכן פֿון דאָקומענט.

7 commissaire — קאָמיסאַר.

8 service — דינסט.

9 = ירום הודו.

10 établissement — יישובֿ.

11 בני־ישראל.

12 Intendant.

13 état — מלוכה.

14 copie — קאָפּיע.

15 דײַטשיש: hiemit — מיטגעשיקט.
16 placet — אַ מין בקשה.
17 Régent — געמיינט איז דער הערצאָג פֿיליפּ פֿון אָרלעאַן, רעגענט פֿון 1715 ביז 1723.
18 Conseil — ראַט.
19 décidé — באַשלאָסן.
20 renvoyer à Monsieur Denoël — צוריקשיקן צו מעסיע דענאָעל.
21 renvoyer — צוריקשיקן.
22 = טוט.
23 עס איז שווער צו אידענטיפֿיצירן, וועמען דער שרײַבער באַצייכנט מיטן קריפּטאָנים „אוהב שלנו“.
24 extrait — אויסצוג.
25 requête — פּעטיציע.
26 וואָסערע פֿינף „ענינים ועסקים“ ווערן דאָ געמיינט? אפֿשר די ווײַטערדיקע: קיומים, סוחרים, רווחים, שידוכים און רעליגיע־פּראָגעס.
27 Michel Amelot, marquis de Gournay, baron de Brunelles — האָט געהאַט דעם טיטל conseiller ordinaire du roi en ses conseils d'état et privés; איז געווען פֿאָרזיצער פֿונעם ביוראָ פֿונעם האַנדלסראַט; געשטאָרבן 1724.
28 Louis Brancas, duc de Villars — געשטאָרבן 1739.
29 Louis-Antoine Brancas, duc de Villars, pair de France — געשטאָרבן 1760.
30 chancelier — קאַנצלער.
31 avis — דעה, מיינונג.
32 Saint-Contest, de-, 1668—1730 — אינטענדאַנט פֿון מעץ, 1713 (—?).
33 צוריקגעשיקט.
34 négliger — פֿאַרוואַרלאָזט.
35 valet de chambre — קאַמער־דינער.
36 écuyer — אויפֿזעער פֿון דער בעל־הבתישקייט, אַן אַדלמאַן פֿון ניט קיין הויכער מדרגה.
37 prétention — פּרעטענזיע, פֿאָדערונג.
38 הינטערשטעליקייט.
39 = קאַטש.
40 chef de conseil de guerre — שעף פֿונעם קריגסראַט.
41 continuation — המשך.
42 Lille — די שטאָט.
43 = פּרנס ומנהיג.
44 arrêt — באַשלוס.
45 révoqué — אָפּגערופֿן, אָפּגעשטעלט.
46 capable — פֿעיִק, מסוגל.
47 = צוואַנציק.
48 quarts dits? — אַ מין מטבע, אָדער אפֿשר אַ נאָמען פֿאַרן ליווער.
49 = פּרנס ומנהיג.
50 domestique — דינסט אָדער דינער.
51 = פֿיר הונדערט און אַכציק.
52 = זעקס און נײַנציק.
53 descendant — אָפּשטאַמיק.
54 et les nouvels (sic!) mariés ne pourront s'établir à Metz — און די וואָס האָבן ערשט חתונה געהאַט וועלן זיך נישט קענען באַזעצן אין מעץ.
55 usurier — וואָכערער.
56 à peine d'être chassés — אונטער דער גזירה אַרויסגעטריבן צו ווערן.

## 7

פאריז יום גל ח׳ שבט תע״ח לפ״ק

שלום לאהובינו ידידינו ה״ה האלופי׳ והקציני׳ פרנסי׳ ומנהיגי׳ חכמי׳ ונבוני׳ ק״ע יצ״ו כל חד וחד לפי כבודו הרמ׳ יצ״ו וכ״אל״ש ר״ד י״א

עדיין הפאשט[1] מיום ד׳ עבר נאך ניט כאן קומין[.] מיר האבן למעלתכם גימעלט אין אונזרין יונגשטן יו׳ ויו״ו עבור הטובו׳ אונש מ׳ לאמארשאל דעװילאַר[2] הוט גיטון און האט הפלאסע[3] שלנו זעלבשט לאדון הרעשאן[4] לידו געבן אונ׳ דרויף גשטעלט כמו הרעשאן דרויף העט גישטעלט. ראַנוואַיִע אַמ׳ דענאעל[5] אונ׳ אונש איין כתב געבן אן מ״ דענאעל דז אונש זולט שטאריק רעקומאנדירן אצלו[.] זעלביגר כתב האבן מיר לאוהב הידוע געבן דז הוט זולן לאדון דענאעל אן געבן ליל ה׳ עבר או למחרתו ביו׳ וי״ו עבר אבר כאשר ראינו אתמול נגד הלילה נאך ניט גשעהין גיוועזין[.] אויב נאך אתמול בלילה הוט אן געבן או היו׳ בהשכמה לא נודע לנו והזמן יגיד לטובה[.] אוהב ידוע אמר לנו דז העט עדיין מעכיב גיוועזין[.] לפי שכלו הזמן מוזט ווישן דז אים קאן לידו געבן אונ׳ פֿאהר לייאנן דז הזמן דער צו הוט ניט אינטרומפט[6] ווירט והטובה בשלמו׳ קאן טון[.] כד״ש[7] עמו קאן רֵידן דז במתון מוז גשעהין אונ׳ ניט ח״ו במהירות אוועק מאַכט[.] בכן איז אליז מיר למעלתכם מצד

זה קענין שרייבן לנאכריכט ועיכוב זה נקוים לטובתינו זול צו שלאגין מטעמי׳ ווידר וירן שרייבן וואש פאסירט איז לטובתינו.]

ביו׳ וי״ו עבר זיין מיר גיוועזין בבי׳ של אדון דוכס וויאלער בראנקאס[8] שהוא בן הצורר ב״ק וכמעט ג״ל שעות אצלו ואצל שגלתו גיזעסין ועמהם נושא ונותן גיוועזין[,] וראינו דז שגלתו איין גרוישין משכלת איזט ממש אין דוגמתה איזט[,][9] אונ׳ עמהם אב גירעט דז זיא זול ביו׳ ש״ק[10] אצל מ׳ דוכס דעֶנאָעֶל פארין אונ׳ עמו צו רידן מעסקי׳ שלנו דז ער זונדערליך מוזט זיין גיזורברענט (?)[11] גיוואהרן.] מי ישמע ומי יראה דז מן זול שישן[12] אויף אזו איין עסק דז מיר ניט זיין גיהערט וואהרן או אייני שיין (?) קומיניקאסיהאן[13] גיהאט או על זה ווערדין נתבע גיוועזין או מיר שום דבר תובע העטין גיוועזין ווערט שיש אינקומביטאַן.][14] בקצרה הדוכסת הנ״ל איזט ביו׳ ש״ק כי עבר גיוועזין אצל הדוכס דֶעְנָאעֶל אונ׳ עמו גירעט וואו פון גר הרבה ווערט צו מעלדן וויא זיא בחכמה עם הדוכס דענאעל צו רֵיד איזט קומן אונ׳ מסביב בדברי׳ הוט גיוועזין דז איין הוט גברויכט דז הכל אוים איהר אונ׳ בני׳ ווערדין צו טון מאחר חמי׳ החסד הוט גיהאט מאדון רֶעשַאן אים ויורשיו הטאָהן[15] משך שלשי׳ שני׳ זולן האבן וחמי׳ איהר להכעיס ואפי[לון] נגד אינטרע[16] שלו נגדינו גאנגן דז לעת מצוא זיא ניקש קענין גניסן מהטאהן שלהם עלינו האבן.] דען לאחר מיתת חמי׳ ב״ק גביארט הטאהן איהר ווערט זיא דאך כעת מחוייב אירן עסק אין אכט צו נעמין אונ׳ ניט כמו חמי׳ דער בעצמו נגדו ונגדינו איזט סאליסידן[17] גאנגין דוקא לכלאותינו אונ׳ זיך איין בילדן דוט וויא מער שאגרין[18] ושברון לב אונש אן דוט וויא יותר אים דוט אויז טראגין.] אונ׳ לאדון דֶעְנָאעֶל מראה גיוועזין הפטורי׳ מסך ששה אלפי׳ ל׳ ממנו האבן דז ער זיך הוט מחויב גיהאט נגדינו גיוועזין קיומי׳ ולעטיר באטאן[19] על צד היותר טוב צו שאפן ועל כל זאת נגדינו גאנגין.] צו ווישן ער ברמאות נגדינו איזט אין אלי אופני׳ גאנגין לכלאותינו ח״ו וואו נגד אינטרע שלו איזט ואינטרע שלה אונ׳ אזו ווייט עמו גירעט דז מיר וואהרן מוכרח זיין רעטאבליסמאן[20] בלוטרינגען בסביבותינו דז ע״י כך אלי מו״מ חוץ לצרפות[21] מעכט קומין הן מיט סחורי׳ או שארי מו״מן.] אזו הוט איהר אדון נאָעֶל לתשובה געבין אונ׳ אזו ווייט מגלה גיוועזין דז מיר בשביל כך ניט וואהרן עוקר דירה זיין[,] דען באם זולטן עוקר דירה זיין בלי רשות המלכו׳ יר״ה אזו קענטין מיר אח״כ[22] עולמו׳ ניט במדינת צרפת קומן אזו וירן מיר ניט עוקר דירה קענין זיין בשביל זאת.] אזו איז דאך בוע״ה צו זעהין אליז אצל הקשר של הרשעי׳ אזו וייד דערפון איזט גירעט וואהרן ועל גזירי׳ רע׳ נגדינו דז הש״י בה׳ זיך עלינו זול מרחם זיין אונ׳ מציל זיין מיד הרשעי׳ האלה.] — לאחר אליז הדוכסת עמו הוט גירעט אזו הוט זיך אדון דעְנָאעֶל קצת רעטוסט[23] ווילן זיא זיך שטאריק עמו טישפוט[24] הוט אונ׳ אין אן גגריפן בכל העניני׳[:] דז נגד הדת שלהם ווערט אין שישימאן[25] צו געהין זונדער גיהערט או קומיניקאסיאהן צו געבן.] וואש ווירט מן אין גאנצן עולם זאגין דערפון דז אזו זול בהמלכו׳ צו גֵין אונ׳ אזו גפירט וואהרן [?] ולכל הפחות העט מן מקדם זולין רידן עם מ׳ לעקונט דעסאליאן[26] או אדון ש״ק.] [?] גם ווערט אחד בשמו מ׳ ראבין[27] זול לפי הנשמע כ״ט שנים בשירות המלכו׳ יר״ה במִיץ זיין גיוועזין אונ׳ שטיק ברי׳ זיין[;] זיא ווערט אין ניט מכיר וגם ווישט ניט מי ומי הוא.] והשיב לה וויא זעלביגער ניט ווייט פון אים ווערט אונ׳ איז א׳ מקומיס[28] שלו[;] קענט אים וואהל שואל זיין על כל הדברים וואש נצרך ווירט זיין.] ניט מער ליגט אים איין גרושין זאך אין דער וועג[:] וויא אמלאָ וואַשאָה וארשאנסאן[29] וואהרן ליידן זולכיש מבטל צו זיין[,] ובפרט דיזן ג״ל תקיפי׳ כל א׳ עד עתה בוע״ה בכל עסקי מלכו׳ האבן קונה שם טוב׳ גיוועזין.] וויא ער עמהם ווירט קענין פֿארט קומן איהני אזו איין בושה זול גשעהין אום צו שטורצין ובפרט אקונסיל דע רעשאנס[30] גיפאסט איזט.] בכן ווישט ער קיין בעשרין עיצה בעולם צו געבן באם מיגליך ווערט אליז אדון רעשאן על הפלאסע זול שטעלין ראַנוואָיֶע אַ מ׳ דענאעל בָור מאַן בארלעֶהר[31]

אונט ניט סתם ראַנוואַיֶע כמו המאַרשאַל דעווילאר הוט דרויף גשטעלטן.] וגם הדוכסת או
בעלה דוכס וויאלאר ב״ק ער׳ פעם אצל האדון שאַנסיליע[32] זולין גין עמו צו רֵידן בכדי
הקונסיל[33] עוד פעם קענטין דריבר קומין אונ׳ עוד פעם דיא ארטיקל אלי צו איבר זעהן[.]
וגם הוט זיא לאדון דענאעל פֿאר גליגט דז כמה ארטיקל זיין דז ניט מיגליך איזט צו
עקסיקיטן[34] דז ער זעלבשט קצת הוט מודה על האמת מוזין זיין רק גיזאגט וויא הקונסיל
אזו הוט עמנו מתחסד גיוועזין מאחר אַוויַא[35] של אינטאנדראן[36] יר״ה שלנו איזט גיוועזין רק
ק״ן ב״ב[37] בקהילתינו צו לוזין ואמלא זיין אוויא רק על מאה ב״ב אזו אבר הקונסיל חסד
האבן גיטון אונ׳ הכל הנאמפיר[38] גלוזן וואו זיא האבן גימיינט מיר גר וואהל מרוצה וואהרן
מיט זיין אונ׳ בכל הטובות מרוצה וואהרן זיין.] אזו איז אדון דוכס ווילאַר ב״ק גיפאהרן
אצל אדון שאנסעליע עמו גירעט פון אלי ענינים דז זיך ג״כ קצת רעטוסט הוט אונ׳ אים
גזאגט דז מן מוז בשבילו עפיז טון[.] אזו האפין מיר בעז״ה[39] באם אוהב שלנו הידוע לאדון
דוכס דענאעל הכתב של מארשאַל דעווילאר פאהר גטראגן האבן אתמול בלילה או היום
בהשכמה אונ׳ עמו ווירט עבורינו רֵידן כמו אונש הוט מבטיח גיוועזן אונ׳ פעולה טובי׳
ווירט געבן אי״ה[.] אונ׳ השי״ב ברוב רחמיו וחסדיו זיך עלינו וואהרט מרחם זיין וליתן
בלב הדוכס יר״ה להפר עצת הרשעים מעלינו לטובה זיין וזכות הקהילה מגין בעדינו זול
זיין דז קהילתינו הקדושה יצ״ו במעמוד הראשון זול קומן לדורי דורות עד ביאת משיחנו
בכל אמן[.] אונ׳ בעז״ה להצורר ב״ק זולן פֿאהר קומן קודם ח״ו דער רעגלמאן[40] געחתמנט
וורטן.] בשביל זאת זוכט אדון בנו ווילאר ב״ק דיא רגע דז לאדון רעשאן קאן קומן
פאהר לדבר אתו מאחר אתמול איזט אביו ב״ק אצלו קומין ואצל כלתו אונ׳ איהני
גיזאגט זולין איהם זייני כתבי׳ ווידר געבן[.] ער וואלט מאכן דז הארע גחתמנת וואהרט
נגדינו אזו וואהרן מיר אים אח״כ בוודאי ממלא רצונו זיין[;] אונ׳ וויא מן מוזט אזו נגדינו
טון ובשביל כך זול אים בנו ווידר געבן זיין ארע ולעטיר באסאַן דען וואלט איהם ניט
באר טראַנסבורט[41] געבן[.] בנו הוט אים ניט קענין אבשלאגין זייני כתבי׳ ווידר צו געבן[.]
אונ׳ בוע״ה גדול רשעות נגדיה׳ גירעט לבנו ולכלתו דברי ביושי׳ שאי אפשר לכתוב אונ׳
וויא ער ווירט אלי חשובי׳ דיא ניט ווירן זיין בעצת אמלא טראקטיהרן כמו בפעם הראשון
לאדון וואַיזִין אשר הי׳ שאנסעליע ע״ה וש״ק גימאכט הוט וויא ניט האבן וואלין דיא
סאַליַטיַטֶע[42] מרצה זיין[.] אזו הוט כלתו איין העתק גימאכט גיהאט פון דיא כ״ו ארטיקל
לא טובו׳ ה׳ יהפוך לטובה דז ב״ק מאַמלאַ הוט גטרויאט ביקומין. וואו מיר ג״כ האבן
ביקומין איין העתק אונ׳ שיקן למעלתכ׳ ג״כ איין העתק דערפון[.] אונ׳ וואהרן מיר כאן
אצל אדוואקאט גיין אונט איין מעמאהר על כל פרט ופרט עפ״י הרוב דער קעגן מאכן לוזן
אי״ה[.] הסוף מן מ׳ ווילאר ב״ק ושגלתו הדוכסת איזט גיוועזן[:] הכתבן[!] ואפילי׳ וואלין
בטחון האבן בכתב אונ׳ זיינן תובע דז ניט מעגליך איזט מרצה צו זיין[.] בכן ביני לביני
זיין מיר עמהם קונפיענט[43] כזה[:] להבא אן אביהם ב״ק קיין פרוטה צו געבן מער דען ידוע
לנו ער בכל יכולתו נגדינו דוט גיין לכלאו׳ אותנו ח״ו אונ׳ מיר זעהן דז נאך עדיין עומד
ברשעתו איזט ובאם ח״ו ער יד עליונה עלינו זולט האבן ווערט בעשיר מיר זיך כעת עוקר
דירה זולטין זיין אע״ג[44] נגד אינטרע שלהם ווערט אונ׳ זולין איהם לאַנגירן אונ׳ איהן
זעהן לוזין וואו ער זיין מעו׳ ביקומט מעגט מן כל אחד תובע זיין וויא ער קאן וועהר ניט
צאלן ווארט קענין מעגט ער זעהן וואו ער ביקומט בכדי ע״י זה מוכרח וואהרט מוזין זיין
לעשות כרצונינו[,] אונ׳ וואש מיר אים אח״כ ווינגר וואהרן געבין אליז ט״ז אלפים קרדיען[45]
זולן מיר איהם געבן[.] ובאם דז ב״ק ח״ו זולט מן קונסיל ארהלדן דז מיר אים זולטין מוזין
הטרעטי[46] שלו הלדן כל שנה ט״ז אלפי׳ קרדיען געבן ה׳ יציל אותנו מן הצרה זו ח״ו
עלינו זולט קומין[.] ווירן איהר איין מתנה הגונה געבן, הגם זיא כלל ניט מרוצה זיין
בזהן[.] עכ״פ האפין דז זיא לטובתינו זיך וואהרן מתאמץ זיין בכל עסקי׳ ועניני׳ אונ׳ טון

וואש איהני רק מיגליך וואהרט זיין אונ׳ עד הנה האבן גיטון[.] ע״כ ווישן זונשטין למעלתכ׳ ניקש מחדש צו זיין אונ׳ האבן צו זעהן וויא העסקי׳ עד היו׳ אין אלי׳ בשטעלט זיין הכותבי׳ בצער ומוטרדי׳ בטרד׳ גדולו׳ מאוד ומקווי׳ לה׳ הישועה

לאחר הכתיבה קודם חתימת כתב הנ״ל הגיע לידינו גי״ה מיום ד׳ עבר בתוכו צו רעכט גיפונדן שני מעמאהרן[.] וואהרן זעלביגן איבר לייאנן אונ׳ דרויז נעמן וואש רק לזכותינו וואהרט זיין אי״הן[.] בפרט וולן מיר אצל אדוואקאט ווירן כאן אויף זעצין לוזן[,] וואהרן זולכש בדיהנן לטובהן[.] ראינו דז מעלתכ׳ אין ספק בלייַבן אונ׳ מיינן דז המשפט ניט אזו איזט אויז גאנגין אונ׳ מיינן דז רק אן גיפנגין איזט אונש אין פחד צו טרייבן ובשביל כך לב״ק דיא ד״א [= ד׳ אלפים] £[יוועך] ניט מוסיף צו זיין מאחר קיין טובה ממנו איזט צו ביקומין ולהנשלחי׳ הקודמי׳ פור שפראכן גיהאט אונזיר בראטעקטיר[47] צו זיין אונ׳ אונש אלי טובו׳ צו טון וכעת בוע״ה אלי רשעו׳ ורעו׳ נגדינו בפרהסי׳ גיטאן[.] אזו האבן מיר שונט מקדי׳ גיוועזין למעלתכ׳ גשריבן דז מיר בוע״ה קיין טובה ממנו קענן האבן ובאם ח״ו זולטין מוסיף זיין איז רק אונש קיין רעה זול טון[.] אבר דז מעלתכ׳ מיינן דיא ארטיקל ניט אזו אריג זיין בכל הפרטי׳ כמו מיר גשריבן האבן אונ׳ לעבן אין ספק מי יתן דז אזו ווערטן[!] האבן מיר זיך דען ניט אינפארמירט אצל כמה דוכסי׳ דיא דריבר זינד גיזעסין דז בוע״ה הגזירה רעה אזו איזט עלינו אויז גאנגין הש״י בה׳ זיך עלינו ועל טפינו זול מרחם זיין[.] אונ׳ אזו בסוד איזט צו גאנגין דז מיר קיין העתק פון הארטיקל האבן עדיין קענין ביקומין וואו מיר כמה פעמי׳ מיט ר׳ האבן וואלן געבין אונ׳ רק חקירה מאיזה ארטיקלן ביקומין לכתחילה ואח״כ על יהד׳ אויף גשריבן אונ׳ אליז דאך ניט השורש גיוויזט עד אצל הצורר ב״ק האבן איבר לייאנ׳ ואחר ע״י זיקרעט׳ של אמלא ג״כ קונפארמירט בוע״הן[.] מה נאמר ומה נדבר אליז מעלתכ׳ בוע״ה אין זולכן גיטאנקין זולין זיין דז מיר כאן אין חלום וואָרין לעבן ובקהילתינו יצ״ו אין זולכי צער ושברון לבבות צו לוזט באם ח״ו ניט אזו ווערט גיוועזין[.]

מעלתכ׳ שרייבן באם מן קענט הטרעטי הראשון ברעכין אונ׳ דיא ט״ז אלפים קרדיען לשארי דוכסי׳ ושרי׳ געבן מדי שנה ושנה להטיב עמנו בעז״ה אונ׳ זיין אונש בורד בשם ווען מן געבין זולן[.] בכן לא ידענו כלל וכלל וואש זיך מעלתכ׳ גיטענקין בוע״הן[.] זיינן מיר דען אין דען עסק מיינשטיר[?][48] מיר האבן דאך למעלתכ׳ כותב גיוועזן דז בתוך כ״ו ארטיקל איז עקספרעסמן רעסערפט[49] גיוואהרן הטאָהן של ב״קן[.] וויא שרייבן עכשיו מעלתכ׳ באופן זה כמו מיר בידינו האבן[?] אונ׳ וויל זיך קיין דוכס או פרינצן נגדו גיין אונ׳ היטן זיך אלי פור אים בוע״ה וואש זיין טאָהן אן גיט וויל קיינר דער קעגין גיין[.] טונן מיר דען כאן ניט וואש מעגליך איזט צו טון אונ׳ ווען העטין קענן החוב שלו עלינו לאחרי׳ געבן דז אונש העטין קענן בהילפיג זיין דער ארע הרשעה ניקש זול וואהרן[?] מעלתכ׳ שרייבן מיר העטין איהני ניט משיב גיוועזין להגיד להם אוהב א׳ דז בבי׳ אינטאנדאן ירה״ה שמה ווער גירעט וואהרן דז המתנה של ב״ק ווערט רעוואקט[50] וואהרן[.] אזו האבן דאך מעלתכ׳ מתוך כתבינו קענן זעהן זולכש בוע״ה שקרי׳ וכזבי׳ איזט מאחר מיר האבן גשריבן דז אים זיין טראי[51] רעסערפט האבן בתוך הארע הרשעה בוע״הן[.] מעלתכ׳ מוזין אונזרי כתבי׳ ניט רעכט קורא זיין דען מיר האבן אליז שונט כמה פעמי׳ גשריבן אונ׳ קופייא פון דעני פלאסע גשיקט וואש כאן אן גבן האבן דז מיר אן אליז טוין

גיטענקין אונ׳ אין קיינרלייא נעגלישירט וואהרטן[.] אזו ווישן מיר ניט וואש מעלתכ׳ ביגערן משם אן דוכסי׳ צו שרייבן וואו איהרן דיביטע[52] כאן׳ האבן דז כל שעה אלי דוכסי׳ איבר לויפן אונ׳ אן פאַלן ועמהם רֵידן בדרך וואו איער אין קצף קענט דערפון קומין אליז איין טובהן[.] לא ידענו בוע״ה אויב מעלתכ׳ מרוב צער׳ ניט ווישן וואש טונן או ח״ו פרנסי׳ ומנהיגי׳ ניט ביחד קומן בחדר הקהל שי׳ אונ׳ אחד או שני׳ לשמשי׳ פור זאגין צו שרייבן

מאחר כמו מיר כמה פעמי׳ האבן גשריבן אונ׳ פלאסע האבן אן געבן מוזין מיר זיך כלא יודע מאכין דז דיא ארטיקל ווישן אונ׳ זיין רק תובע איין קומיניקאסיאן צו געבן בכדי אונזרין רעסי[53] אח״כ זולין דרויף געבין אע״ג מיר בוע״ה העתק מן ארטיקלן האבן איז דאך ניט דינטליך מיר זיך זולין אן נעמין וואש וואלן דען מעלתכ׳ שרייבן

מעלתכ׳ שרייבן ע׳ פעם דער גאנץ עסק ווערט אן גיפאנגן רק אונש מעו׳ אויז צו שוועצן אונ׳ פחד צו מאַכין אונ׳ דער עקסטראַ[54] שראינו בבי׳ ב״ק ניט עבן ההעתק איזט מאַרעֶ ויש כמה ראיות בדברן[:] א׳ למה הוט מן בפעם הראשונה גשטעלט הקצבי׳ גאנץ פֿור לאהרן וכעת נהפך הנ״ל לטובה אונ׳ ווערט דאך כלל וכלל קיין קונסיל ביחד גיוועזין ווער בידו הוט גיהאט זוא איין גדול ארטיקל צו ברעכין[?] שני׳ ווער דער זינד ווידר הוט מקיל גיוועזין דז מן מיט חילופי׳ יוא דארף האנדלן וואו מן בפעם הראשון ניקש דער פון הוט גיהערט [?] שלישי׳ עד הנה הוט מן ניקש אנדרשט גיהערט גיהאט אליז אסעֶרמאַן[55] צו גין וכעת הכביד עלינו לאינסטריקסיאן[56] ח״ו וואלכש דאך פיל ארגיר איזט אליז אסערמאן אע״גביידן גר אריג זיין באם ח״ו זולטין מוכרח זיין[.] אונ׳ מעלתכ׳ אין מיינונג זיין בוע״ה דז אמלא בודם מלבו הוט זולכי רשעו׳ אויז קיומי׳ והארע הראשוני׳ גינומין וכל הזכויות דז שם לטובתינו שטֵיט הוט ער שטֵין גלוזין, הלא שלחנו למעלתכ׳ תיכף באותו יו׳ שלאחריו המשפט בוע״ה אוז גאנגין איזט קופייא מן עקסטרא של האַרעֶ דעקונסיל ושם נאמר אליז מן אבראבָאה[57] הוט גיפונדן רעטאבליסמאן של יהודי׳ בקהלתינו דוקא אונ׳ קיומי׳ מחדש זולין געבן באופן עפ״י כ״ו ארטיקלן דיא זיך זישעטן[58] זולן[.] בתוך אותן כ״ו ארטיקלן איז הקצבות שונט לטובתינו אויז גאנגין גיוועזין וכהנ״ל מיט חילופי׳ וכהנ״ל עסק סערמאן בוע״ה לטובתינו משונה גיוואהרן אונ׳ אינסטריקסיאן גשטעלט וואהרן ווילן סערמון מוז בבי׳ תפלות׳ זיין אונ׳ אינסטריקסיאן רק בחדר אחד[.] אזו זיין זיך מעלתכ׳ טועה דז מיינן דער זינט עפיז משונה איזט גיוואהרן הן לטובה או לרעה ח״ו ואמלא ניט בידו הוט איזה ארטיקל ח״ו צו שאנשירן[59] ווילן זיין באראפט[60] גיוואהרן אקונסיל דערעשאנס רק וויל ער בוע״ה ראבאֹרטער[61] איזט גיוועזין אין דיזן עסק קאן ער בוע״ה איין ארטיקל הרשעו׳ מער מפרש זיין וויא אויך בוודאי גיטון הוט שונט עדיין[.] הש״י הפר עצתו הנ״ל דען וואש מיר למעלתכ׳ האבן גשריבן גיהאט פון דיא ארטיקל האבן רק איינציג ווייש ארפאהרן אונ׳ קיין מולט ניט קענין ביקומין העתק מן ארטיקל עד ביאותינו לבית הצורר ב״ק בוע״ה העתק רעכט איבר לייאנט ולמעלתכ׳ נאכריכט געבן וכהיו׳ למעלתכ׳ איבר שיקן איין העתק דז זעלבשטין קענין זעהין בוע״ה זולכש ניט איזט כמו מעלתכ׳ מיינן אונ׳ זיך אזו גרינג פֿור זעצין דז הש״י עלינו זול מרחם זיין ויציל אותנו מידי מאחר הרשע׳ בוע״ה ניט גרעשיר קאן זיין בכל האופני׳ ופרטי׳ אונ׳ איטלכר ארטיקל איז בוע״ה להכריבנו (!) ולכלותינו אונ׳ כמה פירושי׳ דרויף מיט פלפולי׳ עלינו צו קומין כמו בארטיקל הראשון קענט זעהין דז מוזין ביוויישין דז דיסאנטאן[62] של צ״ו הראשוני׳[63] אהער קומן דיא מלך לואי י״ד ע״ה הוט קיומי׳ געבן ולמעלה שטֵיט מן זול לוזן תף ב״ב[64] דיא כעת זינד בקהילתינו בקיצור איז קיין רשעות בעולם בוע״ה וואש ניט האבן עלינו מעליל גיוועזין הקב״ה ירחם עלינו ועל אחינו בני ישראל דז הגזרה רעה מעכט בטל וירן זונשטן פיל ארגיר אליז איין גירוש אין אלי אופני׳ אונ׳ אין אלי ארטיקל באמת דברים סותרי׳ זה את זה בוע״ה מעלתכ׳ שרייבן אונש אין כמה עניני׳ מהיכי תיתי וירן מיר דיזוז ניט דערפין טון הן מיט סחור׳ או שידוכי׳ אזו קענין זולכש זעהין זעלבשט אויז העתק מהארטיקל ומעלתכ׳ איבר שיקן מעלתכ׳ שרייבן כמו מיר יד עליונה עליהם העטין וואו בוע״ה להיפך איזט אונ׳ מיינן אמלא[65] העט ניט בידו צו רוק צו הלדן דען ארע חתמנן צו לוזין ובשביל כך רק אונש מע׳ אויז צו שרעקין אונ׳ קשה להאמין צו זיין ביד׳ איזט צורוק צו האלדן וואש א קונסיל דערעשאנס גיפאסט איזט בוודא איז בוע״ה בידו לעשו׳ אע״ג א קונסיל גיפאסט איזט דען

איז׳ רק אקונסיל קונפארמט[66] גיוואהרן זיין שישמאן[67] אונ׳ וואש ניט קונפארמט איזט גיוואהרן מהרשע׳ שלו איז׳ דער נעבן גיזעצט גיוואהרן ואח״כ אים ווידר צו גשיקט גיוואהרן כמו שכתבנו מקדמת אליז דוכס דענאעל לכתחילה וגם אדון שאנסיליע האבן אונש גהיישן גיִין אצל אמלאָ למה זולין זיך מעלתכ׳ אין זולכיר הוי אמינא זיין אונ׳ אונש ח״ו מאשי׳ זיין כאן בשיר׳ הקהל צו זיין דז ניט ווירן שורש הדבר חוקר זיין אונ׳ אצל תקיפי׳ ושרי׳ דוכסי׳ יומם ולילה אן לויפן כמו שכתבנו למעלתכ׳ כמה פעמי׳ מיר יותר טון שאפשרינו וביכולתינו איזט ונקווי׳ בחסד עליון בקשתינו ותפלתינו והתשובה ותפילה וצדקה שנעשה בקהילתנו הקדושה עולה למעלה ווירט זיין לפני הכסא כבוד וזכות אבות אבותינו אשר בארץ החי׳ המה יתפללו בעדינו להפך לבב הדוכסי׳ ושרי׳ יר״ה דז הארע רשעה בוע״ה בטל מעכט ווירן ונהפך לטובה זול זיין מיר טונין כאן כאשר מוטל עלינו ומחוייבי׳ לעשו׳ דז ח״ו כלל יהדו׳ בטרעפט אונ׳ אחינו ב״י במדינו׳ אחרו׳ בשלוה ושלו׳ זיצן ח״ו ע״י כך בוע״ה גזירה רעה עליהם ומי יודע עד היכן הדבר מגיע ח״ו דז מן גיהערט מוצא צו זיין כל אשר לנו לבטל הגזירה רעה אשר בא עלינו בוע״ה דער בקושי בוע״ה איזט גאנץ מבטל צו זיין אונ׳ מעות מוז פֿור הנדן זיין מעלתכ׳ שרייבן ווען לפעם אחרת לשם ח״כ ציהן זולין ניט אזו קורץ ציהן בוודאי ווען בידינו ווערט זולכש גישעהן רק ידוע לכם אין אזו איין עסק מזומני׳ מוכן מוזין זיין לכן ועלן זעהן דז אצלכם מעות ביחד דוט מאכין אונ׳ מיַכן זיידן[?] באם ח״ו נצרך זיין מיר דוך דרויף בדיהנן קענין דען זולכש מוז זיין ואין מקרבין אלא להנאהתן ודי בזו

מעלתכ׳ ווירן דאך מכתבינו הקודמי׳ גיזעהין האבן מיר אצל תקיפי׳ הקרובי׳ להמלכו׳ זוכן צו העלפין אונ׳ מיט ר׳ טוין דריין שלאגין אונ׳ האבן מקדי׳ גיוועזין פֿור ד״י יו׳ למעלתכ׳ דז ניט כפשוטה איזט איין עול מטיל צו זיין על בני קהלתינו יצ״ו כל שנה ד׳ אלפי׳ קרדיען אקומאנטין[?] אונ׳ בפירוש למעלתכ׳ גשריבן דז מעמיד ומציב (!) הקהילה זולן פיר האנט נעמין וואש בוע״ה רוב קהילתינו מכולה זיין גיוואהרן דז מיר דאך ג״כ בטראכט זיין אונ׳ טון גיטענקין אין אלי עסקי׳ ועניני׳ אונ׳ האפין בעז״ה באם אוהב הידוע זיך ווירט מתאמץ זיין כמו שהבטחנו וגם אדון ווילאר בראנקס ושגלתו ווידר קאנטינאווירן[68] אי״ה וגם אדון מאַרשאל דעווילאר להבא מטיב עמנו זולין זיין דז בחסד וברחמי׳ האל יתברך שמו הגדול זולין עושה פירה זיין דבריהם ועל ידיהם תרופה והגאולה שלימה עלינו קומין זונשטין כהיו׳ ניט יותר באריכו׳ צו שרייבן ובזה נצא ואומרים שלו׳ לכם ולכל בני הקהלה כ״ד אהוביכ׳ המטרדי׳ בטרד׳ הציבור ורב להושיע מא״ה ומאיתנו ד״ש[69] השפיל שלמה זלמן כהן איציק שפייר תעח

[אויף דער לעצטער זייַט אַ צושריפֿט: יו׳ ב׳ ח׳ שבט תע״ח ק׳ יו׳ ו׳ י״א הנ״ל והשבנו בו ביו׳].

★

קיצור פֿון בריוו 7: דער מאַרשאַל דע ווילאַר האָט פּערזענלעך איבערגעגעבן דעם רעגענט דעם „פּלאַסע״ — אַ דאָקומענט וועגן דער „טאַקס בראַנקאַס״ — וואָס די מעצער קהילה האָט רעדאַגירט. ער האָט אויך געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו דעם דוכּס דע נואַי.

די שליחים דערציילן וועגן זייער וויזיט בײַם ייִנגערן דוכּס דע ווילאַר בראַנקאַס („דעם זון פֿון אונדזערן צורר בראַנקאַס״), ער און זײַן פֿרוי („אַן אויסערגעוויינלעך קלוגע און אינטעליגענטע דאַמע״). דער שמועס איז געווען ביז גאָר פֿרײַנדלעך. די פֿרוי האָט דערציילט וועגן איר דיסקוסיע מיטן דוכּס דע נואַי און ווי אַזוי זי האָט פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון די מעצער ייִדן.

דערווײַל האָט זיך דע ווילאַר בראַנקאַס געטראָפֿן מיטן שאַנסעליע.

זיי האָבן דערציילט די שליחים, אַז דער אַלטער בראַנקאַס האָט פֿאַרלאַנגט פֿון זײַן זון, ער זאָל אים צוריקגעבן די „לעטער פּאַטאַנט״ וועגן די ייִדן.

די שליחים האָבן געשלאָסן אַ שטילן אָפּמאַך מיטן גראַף דע ווילאַר בראַנקאַס, נישט צו געבן קיין גראָשן זײַן פֿאָטער.

די שליחים שרײַבן אַז דער געזעץ קעגן די ייִדישע אינטערעסן איז טאַקע שוין דעצידירט געוואָרן און אַז ס'איז ניט נאָר אַ קלאַנג, ווי די קהילה מיינט. זיי פּאָלעמיזירן קעגן די פּירוואָרפֿן פֿון דער קהילה אַז זיי פֿירן ניט ריכטיק אויס זייער שליחות.

זיי דערמאָנען ווידער אַ מאָל די גרויסע סכּנות, וואָס שטייען פֿאַר דער מעצער קהילה, לויט דעם צוגעגרייטן פּראָיעקט פֿון אַ באַשלוס (אין 26 אַרטיקלען) וועגן דער קהילה. איין אַרטיקל באַשטימט, אַז די ייִדן וועלן זײַן געצוווּנגען אויסצוהערן „לעקציעס" וועגן קריסטלעכער רעליגיע איין מאָל אַ וואָך.

אַמעלאָ, ווי דער רעפֿאַרטער פֿונעם פּראָיעקט, קען די דאָזיקע אַרטיקלען וועגן די ייִדן אינטערפּרעטירן לרעה, שרײַבן די שליחים.

## הערות

1 = פּאַסט.

2 = מעסיע לאַמאַרשאַל דעווילאַר — Claude-Louis-Hector Villars, duc de-, 8.5.1653 — 17.6.1734, מאַרשאַל פֿון פֿראַנקרײַך; אין 1732 געוואָרן לייטענאַנט־גענעראַל, נאָך 1736 באַקומען פֿונעם קיניג לויִ דעם פֿופֿצנטן דעם פּאָסטן פֿון „גוווערנער" פֿון מעץ און די דרײַ ביסקופֿשאַפֿטן: מעץ, טול און ווערדען.

3 פּלאַסע = placet — בקשה.

4 געמיינט איז דער הערצאָג פֿיליפּ פֿון אָרלעאַן, וואָס איז געווען רעגענט נאָך דעם טויט פֿון לויִ דעם פֿערצנטן, פֿון 1715 ביז 1723.

5 renvoyer à Monsieur Denoël — צוריקשיקן צו מעסיע דענאָעל.

6 interrompu — געשטערט, איבערגעשלאָגן.

7 = כּל דבר שנצרך — אַלץ וואָס איז נייטיק.

8 Brancas.

9 אַז די שליחים האָבן געהאַט אַ גוט אויג, זעט מען פֿון דער ווײַטערדיקער נאָטיץ: „ווען לויִ דער פֿערצנטער איז געשטאָרבן, איז די הערצאָגין דע ווילאַר אַלט געווען 39 יאָר. ס'איז זיכער, אַז זי, די פֿריִערדיקע מאַדמואַזעל דע מאַראַס וואָס דער שידוך מיטן יונגן דע ווילאַר, זייער אַ מיטלמאָסיקער מענטש, אויב נישט נאָך ערגער, האָט פֿאַר איר געמוזט זײַן אַ גרויסער כּבֿוד, אַז אַט די פֿרוי איז געוואָרן די הויפּט־אַרכיטעקטין פֿון דעם עשירות פֿון די בראַנקאַס. סען־סימאָן האָט איבער איר געשריבן אַז ׳זי האָט געקענט פֿאַרווונדערן׳ אַפֿילו דעם אַלטן בראַנקאַס, וואָס איז נישט געווען אַזאַ ׳חסיד׳.

זינט דעם אָנהייב פֿון דער רעגענץ, אין 1716, האָט איר שווער באַקומען פֿונעם רעגענט אַ מתּנה אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדן פֿון מעץ, וואָס האָבן געשריגן: רחמים! און האָבן עס נישט געקאָנט באַקומען" (פֿון דעם אַרײַנפֿיר צו די מעמואַרן פֿון דער הערצאָגין בראַנקאַס, (Eugène Asse, éd., *Mémoires de la Duchesse de Brancas*, XXII, préface).

10 = שבת־קודש.

11 surpris — פֿאַרחידושט.

12 juger — מישפּטן.

13 communication — אינפֿאָרמאַציע, באַקאַנט מאַכן.

14 incompétent — נישט קוואַליפֿיצירט.

15 don — מתּנה.

16 intérêt — עסק, נוצן.

17 solliciter — אַרײַנגעבן תּביעות.

18 chagrin — עגמת־נפֿש.

19 lettres patentes — קיניגלעכע בריוו, געחתמעט מיטן „גרויסן זיגל". זיי פֿלעגן דינען ווי אַ רעכט אויף אַ פּריווילעגיע; אויך אויף באַזעצן זיך. patent הייסט „אָפֿן" — דער בריוו צונויפֿגעלייגט, פֿלעגט בלײַבן אָפֿן. די „לעטר פּאַטאַנט" פֿלעגט מען געבן פּריוואַטע מענטשן (אין אונדזער פֿאַל: די ייִדן) און זיי האָבן געהאַט דעם זעלביקן באַטײַט ווי עדיקטן פֿאַרן כּלל.

20 rétablissement — זיך צוריק אײַנאָרדענען, זיך באַזעצן.

21 = פֿראַנקרײַך.

22 אַחר־כּך — דערנאָך.

23 radouci — מילדער געוואָרן.

24 disputé — זיך געאַמפּערט.

25 jugement — מישפּט.

26 Monsieur le comte de Sallians d'Estaing — געוועזן מיליטערישער גוווערנער פֿון מעץ און פֿון די דרײַ ביסקופֿשאַפֿטן (מעץ, טול און ווערדען) פֿון 1712 ביז 1723.

27 Jean-Baptiste Robin — געב׳ 1665; אַדוואָקאַט פֿון פּאַרלאַמענט אין מעץ, שפּעטער commissaire principal אין דער פּראָווינץ לאָטרינגען; געשטאָרבן 1732.

28 commis — שליח, פֿאַרשטייער.

29 Michel Amelot, marquis de Gournay — 1724 געשטאָרבן; Vageot?; Marc-

René Argenson, de Voyer d'-, 1652 — 1721, lieutenant de police de Paris, président du conseil des finances, et garde des sceaux en 1718.

30 au Conseil de Régence — אינעם רעגענצראַט.

31 renvoyer à Monsieur Denoël pour m'en parler — צוריקשיקן צו מעסיע דענאָל, כּדי מיט מיר צו רעדן וועגן דער זאַך.

32 chancelier — קאַנצלער.

33 conseil — ראַט.

34 exécuter — אויסצופֿירן.

35 avis — מיינונג, דעה.

36 Intendant.

37 = הונדערט און פֿופֿציק בעלי־בתּים.

38 nombre — צאָל.

39 = בעזרת־השם, מיט גאָטס הילף.

40 réglement — רעגולירונג.

41 par transport — טראַנספּאָרט־סיסטעם דורך דער על יד שליחים.

42 solidité — אַן אָפּצאָל, וואָס אַ גאַנצער קאָלעקטיוו איז פֿאַראַנטוואָרטלעך דערפֿאַר.

43 convenu — אָפּגעמאַכט.

44 = אַף־על־גב — נישט געקוקט דערויף...

45 quarts dits — אַ מין מטבע.

46 traité — אָפּמאַך בעל־פּה, אַן פֿאָרמאַליטעטן.

47 protecteur — באַשיצער.

48 Meister — בעל־הבית.

49 expressement réservé — אויסדריקלעך רעזערווירט געוואָרן.

50 révoqué — אָפּגערופֿן, מבוטל געוואָרן.

51 droit — רעכט.

52 député — שליח, ממלא־מקום.

53 reçu — באַשטעטיקונג אַז מען האָט באַקומען דעם דאָקומענט.

54 extrait — אויסצוג.

55 à sermon — צום פּריידיק אין קלויסטער.

56 instruction — אויסלערנונג, ד"ה באַקאַנט מאַכן מיט די יסודות פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע.

57 à propos — ווי ריכטיק.

58 sujetter — איינשטעלן.

59 changer — בייטן.

60 paraphé — פֿאַראַפֿירט, זיך געחתמעט.

61 rapporteur — רעפּאָרטער.

62 descendant — אָפּשטאַמיק.

63 פֿון די ערשטע 96 פֿאַמיליעס.

64 480 בעלי־בתּים.

65 Amelot.

66 conformé au conseil אָדער confirmé au conseil — באַשטעטיקט דורכן ראַט.

67 jugement — משפּט.

68 continuer — ווייטער פֿירן.

69 = דורש שלום.

## 8

פאריז יו'[ם] א' ד' תמוז תע"ח לפ"ק

שלו'[ם] לאהובינו ה"ה פו"מ כל חד וחד לפי כבודו יצ"ו ר"ד י"א שני'[ם] ג"י מיו'[ם] ד' עבר קבלתי ניחא לי דז מעלותיכי'[ם] הבין פֿאר רעכט גיפֿונדין הלעטיר פֿאַטאַן[1] דז אויף זאך גישיקט הב [.] מעלתכ'[ם] שרייבן מוז מקדם איין ארע גין דז מיר ראַנוואַיט[2] ווארין מן הסוחרי' גיט אן מיר ניט אב [.] אתמול הבין הקומיסער זעלין אַ קונסעל[3] ביחד קומין כדי אן השעה מן הרעשאן[4] זאל נעמין דז זיך מאסיף זיין זעלין [.] זיינן ניט צו אזאמן[5] קומין איבער דעם מן אתמול הוט לפארלעמענט מישב גיוועזין אויף אירין רעמונטראנס[6]: והתשובה זאל זיין גיוועזין בקיצור: דז מן וואול וואש דז הפארלעמנט זיינן דיא פרימיער זישעט[7] ממלכו'[ת] רק דיא אָטאָריטע[8] איז ראַנפֿערמט[9] אין איינן בערסון[10] שהוא המלך יר"ה: אזו פֿינט מן ניט דז הפאַרלעמענט ארזאך[11] הוט בשביל עדי[12] מן מאיי' אירין רעמונטראנס צו טון: דרו'[ם] פֿינט המלך יר"ה פֿאר גוט וואש גימאַכט איזט זאל בלייבן [.]

ואתמול אחר חצו'[ת] הוט זיך הגאַרדעסאַ[13] זאלין פֿינדין לוזין בבית הרעשאן וואו זיך אדון דאַרמונאַוויל[14] דר גלייכן הוט זעלין פֿינדין לוזין: הרגע מאדון רעשאן צו נעמין: אזו מיינט האדון דארמונאוויל דז יו'[ם] ג' הסמוך ווארט הרעשאַן עיסק שלנו פֿאר היד נעמין: הצורר[15] הוט יו'[ם] ה' עבור ווידר מיט הרעשאן גירעט וואו אים פֿאר שפראכן הוט גיהעט

דז ש״ק או יו׳[ם] ג׳ הבע״ל וויל סוף מאכן בנו וכלתו וועלין מחר מכאן על פֿאַרש[16] המי׳
צו נעמין: זיינן מיך מיצר מאחר אזו וייט גיברויכט העטין אונ׳ מיינן לסוף טוב צו ברענגן:
וועלין שני אלפי׳[ם] הבין: אב ווארפֿין קאן מן זיך לפי שעה ניט: קומין תוך חודשווידר:
אזו וואר איך זעהין דז זיא זיך מיט אלף ביגינגן לעזין: ווען מיר מיגליך איז: אדון דארמונאוויל
איזט אירין אוהב נאמן הוט אינן בפני גיזאגט דז פֿרייא זעלין אוועק גין דז דאש אינן טון
וועלט כמו זיא דר בייא ווערין: וועלכן על שישה אלופי׳ ל׳[17] זעלין אב גין:
וונשט וואש איך לפי שעה ניקש צו מעלדין רק חיי׳[ם] והשלום ממני יצחק שפייאר
[אַדרעס אין פֿראַנצייזיש: Monsieur LeSindic de la Comünauté Des Juifs A Metz
דערונטער אַ צושריפֿט: יו׳ א׳ ד׳ תמוז ק׳ יו׳ ד׳ ז׳ הנ״ל והשבנו בו ביו׳. זיין השר [...]
יר״ה שמה פריז איזט [...] ער זיך מתאמץ זיין לעשות עמנו טובו׳ כדרכו כי הוא [...]
זיגל אין רויטן וואַקס: [אי]צ[יק] [שפ]ייאר, אַחוץ דעם צוויי לאַטייִנישע אותיות: SL.
אויך: אַ פֿיגור פֿון אַ מענטש (דער קאָפּ פֿעלט, ווײַל דער זיגל איז באַשעדיקט)].

✶

קיצור פֿון בריוו 8: אַזוי ווי דער פּאַרלאַמענט האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם פּראָיעקט פֿונעם דאָקומענט וועגן די מעצער ייִדן, האָט מען אים דערמאָנט מצד דער מאַכט — אַזוי שרײַבן די שליחים — אַז „דער פּאַרלאַמענט איז, אמת, אַ וויכטיקע אינסטיטוציע אין דער מלוכה, אָבער די מאַכט איז פֿאַרקערפּערט אין דער האַנט פֿון איין פּערזאָן — דעם קיניג״.

בראַנקאַס, דער פֿאָטער, האָט ווידער אַ מאָל גערעדט מיטן רעגענט, וואָס האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז „אין די נאָענטסטע טעג וועט מען ענדיקן דעם ענין פֿון די מעצער ייִדן״.

דער ייִנגערער בראַנקאַס און זײַן פֿרוי פֿאַרלאַנגען צוויי טויזנט ליווער פֿאַר זייערע טובֿות וואָס זיי האָבן געטאָן די שליחים, און מען טאָר דאָס זיי נישט אָפּזאָגן — עצהן די שליחים.

## הערות

1 lettres patentes — אַן אָפֿענער בריוו, דאָקומענט, וואָס אַנטהאַלט פּריווילעגיעס.

2 renvoyer — צוריקשיקן.

3 au Conseil — אינעם ראָט.

4 Régent — רעגענט.

5 = צוזאַמען.

6 rémontrances — אַ רעדע אין וועלכער דער פּאַרלאַמענט פֿלעגט זיך אַנטקעגנשטעלן אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דעם קיניג אָדער פֿונעם רעגענט.

7 premier sujet — די ערשטע אונטערטאַנערס.

8 autorité — אויטאָריטעט.

9 renfermé — פֿאַרמאַכט, פֿאַרקערפּערט.

10 personne — פּערזאָן.

11 סיבה.

12 édit — עדיקט.

13 garde des sceaux — יוסטיץ־מיניסטער.

14 Joseph-Jean-Baptiste Fleuriau d'Armenonville, 1661 — 1728 — אַמאָליקער מיטגליד פֿונעם פּאַרלאַמענט אין מעץ, אין 1715 האָט ער אָפּגעקויפֿט פֿון וואָזין דעם פּאָסטן פֿון שטאַט־סעקרעטאַר; אין 1722 איז ער נאָמינירט געוואָרן „גאַרד דע סאָ״, ד״ה יוסטיץ־מיניסטער אַנשטאָט אַרזשאַנסאָן, וואָס ווערט אויך דערמאָנט אין די בריוו.

15 געמיינט דעם אַלטן בראַנקאַס.

16 Forges-les-Eaux, Seine-Maritime — אַ קוראָרט.

17 = ליווער.

# 9

שיל״ת[1] פאריז יו׳[ם] ה׳ כ״ב אייר תצ״ג לפ״ק

החיי׳[ם] והשלו׳[ם] וכל טוב לאהובי כל א׳[חד] האלופי׳[ם] ראשי רוזני הקציני׳[ם] פרנסי׳[ם] ומנהיגי׳[ם] יראי׳[ם] ושלמי׳[ם] חכמים ונבוני׳[ם] לומדי׳[ם] ורבני׳[ם] המופלגי׳[ם] והשתדלני׳[ם] המפורסמי׳[ם] עמודי קהלתינו הקדושה יצ״ו[2] כל חד וחד לפי כבודו ומעלתו הרמו׳[ת] יצ״ו בצירוף ה״ה ק״ע[3] ב״ב[4] עקורי הקהלה יצ״ו

יו׳[ם] א׳ ויו׳[ם] ב׳ כתבנו לרום מעלתכם בארוכה נקוה לידכם הרמ׳[ה] וויהרן זיין אן קומין [.] דרזינט קבלנו כהיום גי״ה[5] עי״ה התורני הרבני פו״מ[6] כהו״ר[7] פייבש עמריך וה״ה פו״מ כהר״ר אייזיק כהן שי׳[חיה] הטרחה האבן להשיב לנו על הכתבי׳[ם] ובתוכו צו רעכט גפונטן שהדיקלאראסיאן טהוט ניקש צו פרעסיהרן [,] גיהאט על פאשט צו שיקן וייל דאך בלי ידיע׳[ת] ורצון ה״ה הקהל יצ״ו קיין מעמאהר וויהרן אן געבן, ראינו איזה עיכוב דרין איזט קומין דז האלוף והקצין פו״מ כהר״ר איצק שפייאר סג״ל[8] ניט על הדרך אצל מ׳[9] לעקונט דעבעליל[10] הוט קענין פֿארן מטעמי׳[ם] רום מעלתכם מעלדן אונ׳[ט] באמת רעכט גיוועזין ויוכל להיו׳[ת] לאו זו דז אפשר מקטרגי׳[ם] אצלו זיין גיוועזין אפשר הפרלימענט פֿאר טראָסן דער ב״י [11] זיך מקדים איזט [.] השי״ ב״ה פֿירט תמיד הכלל בדרך הישר ונקוה לה׳ במוקדם האפשר הנאך ריכט לטובה צו ביקומין אדון הנ״ל בכל טוב מטיב וירט זיין וואש הכלל אן גיִט ורום מעלתכם כסדרו וירט האבן מקבל בספר פני׳[ם] יפ׳[ות] האבן גיוועזין ועל זה ארכו לנו הימי׳[ם] והשעות כִי הכל תלה בו כמו אלי תקיפי׳[ם] זאגין וָואוז אַוֶוע אִין בָאוֶערנֶער קִי עֶט אַן פלאַס[12] באם הוא פאַוָוארַאבַל[13] לה״ה הקהל יצ״ו איזט אונ׳[ט] לאדון מיניסטר שרייבט ווערט גינוג [.] מה לנו להאריך ידענו גם ידענו רום מעלתכם זולכש ג״כ יודע זיין אונ׳[ט] טונן וואש מן הצורך איזט לכך וויא אויך משארי תקיפי׳[ם] וואש רום מעלתכם שרייבן דז דער מקור מוז זיין תוך המעמאר שלנו דז ניט מחויב זולן זיין הכל לפני מ׳ נאטער[14] צו פַאסן וגם קיין שבועה וייל דבר שאי אפשר איזט מכמה טעמי׳[ם] נימוקי׳[ם] [.] רום מעלתכם מעלדן וואו שונט הכל מקדם האבן מיט מ׳ קורנא[15] אויז גרעט ונקוה ער רעכט הוט דֶעטאַלְיֶע [.][17] אטאנסיאן[16] הוט מאכן אונ׳[ט] אלש רעכט הוט דְעטאַלְיֶע [.][17] מן קאן המעמאר ניט פשוט מאכן כמו רום מעלתכם שרייבן דען מן מוז אלי אונזרי זכויות וחריות קיומי׳[ם] ארע דעבארלימאן אִינסְעֶרן[18] ובשביל כך האבן מיר דיא ארע דעקונסעל[19] היא בייא פאליגט קופייא קאלאסיאנר אָס אַרשִיף[20] מוזין אויף היבן אונ׳[ט] על בארמנט[21] בקומין הישט איין ארשינאל [.][22] עכשיו וויא רום מעלתכם וויהרן זעהן ולדעתי ניט הדִיסיאָן[23] של קונסעל כה״ג אונש וירן עקסעפטין[24] מן הדיקלאראסיאן ולפארלימענט ראנוואיע[25] צו רעגלין בשביל הרווחי׳[ם] [.][26] הארע הנ״ל הוט לערך יו״ד ר״ט[27] קאשט עקספעדיסיאן[28] צו בקומין [,] מיר העטין גערן דיא עֶדִיאַ[29] ג״כ גיהאט מן תרמ״ג שיליעט[30] הרווחי׳[ם] רעדוויט[31] הוט [,] זולכי אבר שמה איזט צו פֿינדן וייל רק שם איין רעשיסטרט[32] איזט גוואהרן [.] מעגין עבור כך כאן ניט מרבה בהוצאות זיין אם לא מ׳ קורנא מעכט אבסולימאן[33] ניטג האבן ווען שמה פשוט צו האבן איזט וויהרן זעהן אצל לאוועף אנטוואן אימפרימריא[34] מן פרלימענט הוט גיהאט פשוט צו פֿינדן איזט, אונ׳[ט] צו שיקן. מיר האבן אתמול נאך אן מ׳ קורנא הארע הנ״ל בביתו גברויכט אבר ניט קענין עמו רידן וייל ור ווערט הוט לבארטיעֶ[35] שלו קיינים אצלו לוזין קומין [.] מסתמא ארביט קצת אזו האבן מיר הארע ע״י קאמיר דינר[36] שלו על הבִיראָ שלו לפניו לוזין ליגן כדי המעמאר שלנו ארבטין טוט לטובתינו.

מיר האבן שונט גשריבן דז אי״ה אצל אדון גארד דעסאה[37] רעקומאנדירט וויהרן גיין וזעקרטער שלו אים המעמאר שלנו וירט מיט אלי אטאנסיאן פֿור לייאנן לעת הצורך [.] בקיצרה מיר זוכין עכשיו ניקש אנדרשט אלש פראטעקסיאן[38] צו פֿינדן דיא עבורינו צו ריד

קומין האינשיסטיז[39] וואש מן לב״י דוט אחרי כל הסערוויס[40] וואש גיטון האבן אונ׳[ט] הדיקלאראסיאן דען קומערס[41] דוט גאנץ אינטרומפן[42] כדי המיניסטר בראוויענט[43] זול זיין אזו אח״כ איין מעמאר[44] אן געבן אטאנסיאן דוט מאכין צו לייאנן בעז״ה וזכ[ות] רבינ[ם] שצועקי׳[ם] ווירט בייא שטיין [.]

מיר פֿאַהֲרן בזו הרגע ו׳ אוהר בהשכמה לוואַרסאל וואו מיר האבן כתבי׳[ם] רעקאמאנדאסיאן[45] אן דעם זעקרעטער של אדון הקארדינאל[46] וגם אן דען קומי[47] של אדון דאנשערוויליער[48] בשמו מ׳ מאַריא וואלכר אונזיר עסק בתוך בירא שלו בקומין ועל ידו הדיקלאראסיאן גפאַסט וויהרן [.] ונקוה לה׳ השי״ב דז אונש אונזירן רעזון[49] ווירט צו הערן אונ׳[ט] מטיב עמנו ווירט זיין וואו אי״ה יום וי״ו הסמוך וויהרן נאך ריכט געבן לטובה וואש שם פאסירט הוט [,] דען דיזוז איזט דער עיקור דז מן דיא בירָאס אן יד בקומט אזו אמאלט המעמאר אן געבן ווירט לטובה אלי נאך ריכט צו בקומין בעז״ה [.] וה׳ ב״ה ישלח מלאכי רחמי׳[ם] לפנינו להמליץ בעדינו למצא חן בעיני הקומיס וזעקרעטערש לרחם ולחוס עלינו ועל שארי׳ ישראל ולעשות עמנו חסד להטיב ולמלאות בקשתינו [.]

וזאת לדעת לרום מעלתכם ליהיה מי שיהיה מן ב״ב כאן זיין אן איהרן פריינט או קורעשפונדענטי׳[ן] מעכטין קצת שרייבן מעסקי׳[ם] קהל יצ״ו ניקש מאמין צו זיין דען צד שמאל של ידינו לו יודע מה שעשה צד הימין שבועה עברה הוט אונש ר׳ לֵיב כהן גיזאגט וויא ער איין תקיפה ערלתה העט דיא אונש קענט רעקאמאנדירן אצל מ׳ שאטא ווילאַר[50] ואצל זעקרעטער של אדון קארדינאל אונ׳[ט] אונש קיין מנוחה גלוזין [;] זולין עמו גין וויא אויך איזט גשעהן רק הוט אונש ניט גפֿאלן פון זולכי לייט רעקומאנדאסיאן צו נעמין [.] מי יודע אויב ניט ח״ו זולכר קומיס רוגזה העט ע״י זולכר רעקאמאנדאסיאן צו ברענגין [.] איזה יום שלאחריו אונש איין כתב גברויכט אן מ׳ שאטאווילאר וואלכי[ן] אבר ניט אן געבן אונ׳[ט] וויהרן אצלנו הלדן [,] לוז ר׳ ליב על הוואסינא דען מיר פֿור זאגין קיינים דער אונש זאגט דז פֿריינט הוט [.] זעהין אונ׳[ט] הערן קאן תמיד ניקש ור ארגרן רק מן קאן דאך זעהין ווער דיא לייט זיין ודי לחכימ׳[א] ברמיז׳[א] [.] מיר וויהרן דאך זעהין אצל מ׳ שאטאווילאר צו קומין ויוכל להיות זעקרעטער של אדון קארדינאל עמנו אצלו ווירט שיקן [.] אצל מ׳ בארבא[51] זיין ג״כ אתמול גיוועזין [,] הוט אונש גזאגט וויא קיין כתב ממנו נֵטיג ווער [,] זולן רק בשמו זאגין לקומי של אדון דאנשערוויליער אונ׳[ט] וויא בעצמו... עמו ווירט רֵידן [.]

באם מן הצורך איזט אונ׳[ט] דז רום מעלתכם ור טוב פֿינדן אַס ארשיף[52] איין עקספעדיסיאן צו נעמין מן הקיומי׳[ם] של המלך לואי י״ד מן תרג״ז[53] וייל הארישינאל ור ליגט איזט אונ׳[ט] רק קופייאן קאלאסיאני׳ האבן וכעת על בארמנט קענין בקומין הישט כמו ארשינאל [.] באם רום מעלתכם ור טוב פֿינדן יודיענו ווערט תיכף גשעהין [.] מיר האבן לולא זאת גבעטין הדירעקטער אזו איזה ארע פֿינט דיא פאווארבל מעכט זיין לקהל יצ״ו אויף זייד צו לֵיגן אונ׳[ט] אונש צו קאמיניקן[.][54] הוטש אך ור שפראכין [.] נקוה השי״ ב״ה וברוך שמו הגדול ברוב רחמיו וברוב חסדיו בלב המלכו׳[ת] ושריו ויועציו והדוכסי׳[ם] יר״ה ווירט געבן להטיב עם שארית עם ישראל ולבטל הגזירה ולישב בשלום ושלוה במקומינו עד בא׳[ת] הגואל אמן [.]

דעפֿונטאַנש[55] איזט בווארסאל [,] וויהרן ג״כ אצלו גין אים זאגין דז קופייאן מן זיינר פטורי׳[ם] האבן בקומין אונ׳[ט] בשביל ער מיינט ווערט טע׳[ות] מיר וויהרן נאך זוכן אצל מ׳ קארנימאן[56] אבר דואגי׳[ם] אנחנו צו פֿינדן אויב שונט ב׳ רעסקריפסיאן[57] פון איין יום זיין העט בודאי מ׳ קארנימאן ניט אין איינים יום בקומין אונ׳[ט] ערשט כל או״א סמוך לעשעאנש[58] ווירט האבן בקומין דען לדעתינו איזט מאַדאַם דעפֿונטין אן מ׳ קארנימאן ניקש חייב גוועזין רק איינים סוחר דער ע״י מ׳ קארנימאן הוט לוזין אין ציהן [.] באם כן הוא ווירט מ׳ קארנימאן ניט זיין גאנץ פיקס[59] נאך זוכין אים לא מכת׳[ב] וויהרן העשעאַנש שרייבן קאן מן נאך זעהין

וכה״ג אצל סינדיק של גאלפּי׳[ן] דען מ׳ דעפּונטאנש הוט אונש גזאגט גיהאט וויא ער העט לוזין נאך זעהין דז אותו יום רק א׳ פּטורי׳[ם] העט געבן [.] אזו האבן מיר גזאגט וויא אבר דיפּעראנט טערמיני[60] צו צאלן זיין גיוועזין הוט אונש גזאגט מן זול אים כזה ווישן ווערט עש רעכט [.] ע״כ קענין רום מעלתכם דיזן שני חקי׳[ם] או רעסקריפּסיאן שיקן להראות לו אונ׳[ט] לרום מעלתכם ווידר צו שיקן [.] יותר כהיום ניקש לחדש ובזה נסיים ואמרו שלום מא״ה ומאתנו אהובי ודורשי שלומכם כל הימים כ״ד[61] א״ב הקטן ליב ווימפן גם אני עבדיכם נאמן בלב שלם כאשר מוטל עלי לשירו׳[ת] העם קודש באתי ג״כ על החתום ואקוה לבשר במהרה בשורו׳[ת] טובו׳[ת] נאו׳[ם] הקטן יצחק איצק קאבלענץ מזיא שמש דק״ק מיץ איין מורה דש אין חוגאו׳[ת] מעכט קומין ווען מעמאר ניט האבן זאל לטובה זיין אמן תצ״ג

✶

קיצור פֿון בריוו 9: כּדי די בקשה — די אַזוי גערופֿענע מעמואַר — וואָס די שליחים האָבן רעדאַגירט, זאָל האָבן די נייטיקע יורידישע פֿאָרעם, מוז מען צולייגן אַלע פּריווילעגיעס, עדיקטן, פֿון די פֿראַנצייזישע קיניגן פֿאַר די מעצער ייִדן, און אויך די באַשלוסן („אַרע״) פֿונעם פּאַרלאַמענט — שרײַבן די שליחים.

זיי אינפֿאָרמירן אויך ױעגן זייערע נאָענטסטע פּלענער. זיי האָבן בדעה זיך צו טרעפֿן מיטן „גאַרד דע סאָ״ (דעם יוסטיץ־מיניסטער), מיטן קאַרדינאַלס סעקרעטאַר און מיט אַ געוויסן ה׳ מאַרי, אַ באַאַמטן בײַם גראַף ד׳אַנזשערווילי.

די שליחים וואָרענען קהל, נישט צו גלייבן קיין שום אינפֿאָרמאַציע וואָס שטאַמט פֿון מעצער ייִדן, וואָס געפֿינען זיך צײַטווײַליק אין פּאַריז אָדער אין ווערסאַל און שרײַבן צו זייערע „פּרײַוואַט אָדער קאָרעספּאָנדענטן״ וועגן די אַקטועלע ייִדישע ענינים.

זיי בעטן קהל אויפֿצוזוכן אין די דאָרטיקע אַרכיוון אַ קאָפּיע פֿון די פּריווילעגיעס וואָס דער קיניג לוי דער 14טער האָט אין יאָר 1657 געגעבן די מעצער ייִדן.

נאָך איין פּערזענלעכקייט האָפֿן זיי צו טרעפֿן — אַ געוויסן מעסיע דע פּאַנטאַנזש.

## הערות

1 = שויתי ה׳ לנגדי תמיד (תּהלים טז, ח).
2 = ישמרנו (אָדער: ישמרם) צורנו וגואלנו.
3 = קרואי עדה, די אויסגעוויילטע פֿון דער געזעלשאַפֿט.
4 = בעלי־בתּים.
5 = גלילת ידם הקדושה, ד״ה דעם בריוו פֿון זייער הייליקער האַנט.
6 = פּרנס ומנהיג. 7 = כבודו הרם והרב.
8 = סגן־לוי, שפּעטער איז פֿונעם דאָזיקן ראָשי־תּיבות געוואָרן דער נאָמען סעגאַל.
9 = מעסיע.

10 Charles-Louis-August Fouquet Belle-Isle, comte de-, — דעם 13טן אָקטאָ־בער איז ער נאָמינירט געוואָרן ווי דער הויפּט־קאָמענדאַנט פֿון די אַזוי גערופֿענע דרײַ ביסקופּשאַפֿטן, Trois Evêchés מעץ, טול, ווערדען; דעם 9טן מאַרץ 1733 איז ער געוואָרן „גוווערנער״ אין די ביסקופּשאַפֿטן פֿון מעץ און ווערדען.

11 = בני־ישראל.

12 vous avez un gouverneur qui est en place — איר האָט אַ „גוווערנער״ וואָס איז אויפֿן אָרט.

13 favorable — גינציק, געניגט.
14 notaire — נאָטאַר.
15 Monsieur Cournot?
16 attention — אויפֿמערק.
17 détaillé — דעטאַלירט.
18 arrêts de parlement insérer — אַרײַנשטעלן די באַשלוסן פֿונעם פּאַרלאַמענט.
19 arrêts de Conseil d'Etat — באַשלוסן פֿונעם ראַט.
20 copie collationnée aux archives — אַ קאָפּיע וואָס מ׳האָט פֿאַרגליכן מיטן אָריגינאַל אין די אַרכיוון.
21 = פֿאָרמעט.
22 original — אָריגינאַל.
23 décision — באַשלוס.
24 excepter — באַפֿרײַען.
25 renvoyer — צוריקשיקן.
26 פּראָצענטן.

27 = רײַכסטאַלער.
28 expédition — עקספּעדיציע.
29 édit — עדיקט.
30 juillet — 1643 ,יולי.
31 réduit — פֿאַרמינערט, פֿאַרקלענערט.
32 enregistré — פֿאַררעגיסטרירט.
33 absolument — אומבאַדינגט.
34 la Veuve Antoine Imprimerie — דרוקערײַ פֿון דער אַלמנה אַנטואַן.
35 portier — פּאַרטיער, טירוועכטער.
36 Kammerdiener.
37 garde de sceau — אות־באות: דער היטער פֿונעם זיגל, ד״ה יוסטיץ־מיניסטער.
38 protection — באַשיצונג.
39 injustice — עוולה.
40 service — באַדינונג, טובֿה.
41 commerce — האַנדל.
42 interrompre — איבעררײַסן, איבערשלאָגן.
43 prevenu — געוואָרנט, אינפֿאָרמירט.
44 = מעמואַר.
45 recommandation — רעקאָמענדאַציע.
46 זאָל דאָס געווען זײַן דער קאַרדינאַל de Noailles?
47 commis — אַ הויכער באַאַמטער בײַ אַ מיניסטער.
48 d'Angervilliers — זע הערה 10 צום בריוו נומ׳ 10.
49 raison — רעכט.
50 Châteauvillard — נענטער נישט באַקאַנט.
51 Barbas?
52 aux archives — אין די אַרכיוון.
53 1657, לוי דער פֿערצנטער.
54 communiquer — מודיע זײַן.
55 de Fontanges — נענטער נישט באַקאַנט.
56 Corniman?
57 rescription — אַ דערמאָנונג פֿאַר אַ בעל־חובֿ צו באַצאָלן אַ געוויסע סומע, אַ מין וועקסל.
58 l'échéance — דער טערמין פֿון צאָלן.
59 fixe — גרייט.
60 differents terminis — פֿאַרשיידענע טערמינען.
61 = כה דברי — אַזוי זענען די רייד.

## 10

שילת פאריז יו׳ א׳ כ״ח מנחם [אב] תצג לפק

שלום לכם אהובינו ידידינו אדונינו האלופי׳ והקציני׳ ראשי רוזני פרנסי׳ ומנהיגי׳ חכמי׳ ונבוני׳ יראי׳ ושלמי׳ לומדי׳ מופלגי׳ מלאי׳ בתורה ויושבי בשבת תחכמוני׳ שתדלני׳ המפורסמי׳ עמודי קהלתינו הקדושה יצ״ו כל חד וחד לפי כבודו ומדרגתו ומעלתו הרמ׳ יצ״ו וכאל״ש י״א ר״ד

אין בפינו שום התחדשות רק ניט בלי כתבי׳ צו לוזין ולהודיע בזו הרגע לווארסאל פאהרן אצל מ׳ מאריַא לדבר עמו מחמת העקסטרע[1] לטובתינו בדאכט צו זיין ומוכן צו זיין בחזירת האדון המיניסטר יר״ה לפניו זול ליגן; מיר בחסד עליון קענטי סוף טוב בקומין בקונסעל[2] הראשון בווארסאל לטובה אונ׳ וויהרן מיר אים אלי סירקונסטאנש[3] ואינקונוויניאן[4] ונעסיסער[5] זאגין. ונקוה בעז״ה למצא חן בעיניו למלאו׳ בקשתינו. מיר האבן אים לוזין שרייבן לפני איזה יום מן תקיף א׳ מכאן. אתמול גזאגט מיר בשמו אצלו זולן גֵין הגם לדעתינו וכאשר ראינו אינו מן הצורך לזרז אותו באשר שהבטיח אותנו מצידו· שום התרשלות ווירט זיין ובכל הטוב לא ימנע עפי״כ דינט אים ביותר מחזק לבבו זיין מיט זולכי רעקומאנדאסיאן[6] וסיוע׳ ה׳ יהי׳ בעזרתינו.

האדון המיניסטר מ׳ דאנשערווילייער אתמול כאן גיוועזין, גארביט מיט הקומיס דעגעהר[7] אונ׳ ווידר לקומפיען.[8] קומט סוף שבועה [sic] זו ווידר כאן אונ׳ בלייבט איזה יום כאן ואח״כ על קאמפאן[9] לאנשערווילייער[10] על איזה יום קודם לווארסאל גֵיט. מיט אדון שאטא ווילאר[11] דברנו ואמר לנו וויא אדון המיניסטר למ׳ מאריא הוט גשריבן העקסטרע מיכן צו זיין אונ׳ אונש מבטיח גיוועזין אזו באלד מיגליך ווירט זיין אונ׳ ראבורטן[12] ווירט. מיר האבן אים ע״כ בשם ה״ה הקהל שי׳ געבטין צו קונטיניאן[13] פראטעקסיאן[14] שלו. וויא

ה״ה הקהל שי׳ מעכטין ווישן וואש מן אתם ור רעקונאסאנס[15] קענט טון אויף זיין בונטע[16] ובאם ניט בדאגה ווערטן געוועזען ער גר ור איבל מעכט פינדן העט ה״ה הקהל שי׳ לבנו א׳ סוס מכבוד גיוועזין. והשיב לנו ווערט שלא לצורך אונ׳ ה״ה הקהל העטין רעכט גיטון אזו גדאכט האבן. ער ביגערט ניקש בחנם אונ׳ אונש גבעטין ור מזומני׳ לבנו דאך איין סוס צו שאפן דז טוב איזט באם שונט ד׳ מאות ליווער קאשט. פער מענץ[17] העט אים ג׳ סוסים זה אחר זה געבן, ווערטין ג׳ כלבים גיוועזין. ע״כ יראה רום מעלתכם מה לעשות ובאם שונט זולט איזה ר״ט[18] לה״ה הקהל קאשטן דז אינן סוס בקומט דז טוב איזט בעד ד׳ מאות ליווער אונ׳ שונט לקהל קצת יותר קאשט אז לאביו שרייבן אזו איין סוס הוט בקומין בעד פרייז הנ״ל אונ׳ אזו פיל יותר שוה איז, ווירט ער זיך דאך קענין אין בילדן ה״ה הקהל יצ״ו יותר קאשט. מעכט ווינשן זולכש קענט גשעהן קודם דיזיסיאן[19] אדון הנ״ל מבנו אזו איין בריב מעכט בקומין דיזוז גשעהין איזט. ענד גיבן דאך שארי מוכרי סוסי׳ שמה, מן בגערט דאך ניקש בחנם מהם. ע״כ ביטי אום תשובה כדי באם אצלו קומין לידע מה לדבר. אדון מארשאל דעווילאר[20] איזט ג״כ כאן גיוועזין׳ אתמול וסוף שבועה זו קומין שונט כל התקיפי׳ צו רוק לכאן מן קומפיען וואו מיר ניקש נעגלישרן[21] וואהרן. ובזה יאמרו שלום והחיי׳ מא׳ וממני אהובכם ד״ש[22] כל״ה ווערן רמכ״ ניט קענן האבן זיין מעו׳ טוב סוס פאר ערל דערען טוב׳ טון זול להבא על כל צרה שלא תבוא פינדן. האפין רמכ״ אין אכט ווערן נעמן. כ״ד אב״ה ההקטן ליב ווימפן גם אני עבדיכם נאמן ואהובכם ד״ש הקטן יצחק איצק מזיא שמש דק״ק מיץ

★

קיצור פֿון בריוו 10: די שליחים גרייטן זיך צום וויזיט בײַ ה׳ מאַרי, וואָס ער דאַרף זיך זען מיטן מיניסטער [זיי גיבן נישט דעם נאָמען].

דער גראַף ד׳אַנזשערווילִיע האָט געאַרבעט מיטן „קאָמי דע גער” איבערן ענין פֿון דער „טאַקס בראַנקאַס”. כּדי זיך צו פֿאַרזיכערן די פּראָטעקציע פֿון אַ געוויסן ה׳ שאַטאָווילאַר, וואָלט זייער ניצלעך געווען — אַזוי רעקאָמענדירן די שליחים — אַז קהל זאָל שיקן אַ מתּנה פֿאַר זײַן זון אַ שיין פֿערד, וואָס זאָל קאָסטן צום ווינציקסטן פֿיר הונדערט רײַכסטאָלער [איין רײַכסטאָלער איז דרײַ ליווער].

## הערות

1 extrait — אויסצוג, קיצור.
2 conseil — ראָט.
3 circonstance — געלעגנהייט, אומשטאַנד.
4 inconvénient — אומבאַקוועמקייטן.
5 nécessaire — נייטיקייט.
6 recommendation — רעקאָמענדאַציע.
7 commis de guerre — וויכטיקער באַאַמטער אינעם קריגס־מיניסטעריום.
8 Compiègne — אַ שטאָט ניט ווײַט פֿון פּאַריז.
9 campagne — דאָרף.
10 Angervilliers — אַ קליינער מקום.
11 Châteauvillard?
12 rapporter — באַריכטן.
13 continuer — ווײַטער פֿירן.
14 protection — פּראָטעקציע, באַשיצונג.
15 reconnaissance — דאַנקשאַפֿט.
16 bonté — גוטסקייט.
17 Père Mentz? — עפּעס אַ גלח, מער איז נישט באַקאַנט.
18 = רײַכסטאָלער.
19 décision — באַשלוס.
20 de Villars.
21 négliger — פֿאַרוואַרלאָזן.
22 = דרישת־שלום — אַ גרוס.

## 11

שיל״ת פאריז יו׳[ם] ה׳ ב׳ אלול תצ״ג לפ״ק

התולה ארץ על בלימה. יטיב להם כתיבה וחתימה. ויבשר לכם בשורו׳[ת] טובו׳[ת] במהרה. מהבורא כל באמיר׳[ה]. לאהובי׳[נו] א׳ ידידינו האלופי׳[ם] ראשי׳[ם] רוזני׳[ם] הקצינים. פרנסי׳[ם] ומנהיגי׳[ם] יראי׳[ם] ושלמי׳[ם] לומדי׳[ם] מופלגי׳[ם] שתדלני׳[ם] המפורסמי׳[ם] חכמים ונבוני׳[ם] שאין להם דמיונ׳[ם] עמודי עיני עדה קהל עדת ישורון קהלתינו הקדושה יצ״ו כל חד וחד לפי כבודו ומעלתו ומדרגת׳ הרמ׳[ה] יצ״ו בצירוף ב״ב ק״ע יצ״ו כולם אהובי׳[ם] כולם ברורי׳[ם] יזכו לשנות חיי׳[ם] טובי׳[ם] אמן יי״א ר״ד

גי״ה מן יו׳[ם] א׳ אתמול נגד הלילה בחזירתינו מוואַרסאל[1] צו רעכט לידינו קומין איזט מעט להשיב ונקוה שקבלו כתבינו מן יו׳[ם] ב׳ עבר ובתוכו קצת ברמז גשריבן וד״ל (?) זיין רשעות ניט הוט קענין לוזין בוע״ה שופך חמתו על בני המדינה הוט גיוועזין [.] המקום ב״ה ירחם עליהם ועלינו ולהוציאם מצרה זו ולב מלכי׳[ם] ביד ה׳ לחוס ולרחם עלינו ועליהם ומלאכי רחמי׳ יעלה לפנינו להמליץ בעדינו לבקש רחמים למלאו׳[ת] בקשתינו כאשר עם לבבינו שלא יבא עוד שום צרה ופרץ וצווחה ברחובותינו. אתמול בהשכמה כשבאנו לוואַרסאל הלכנו תֵיכף אצל מ׳ מאַרִיא [.] שונט אבירא[2] שלו גיוועזין ואמר לנו [:] אייער עקסטרע[3] איזט בכל הטוב גימאכט אונט הב אתמול לקומפיען[4] גשיקט אונ׳ המיניסטר מיר דרום גשריבן באם פערטיג איזט אים צו שיקן אבר ווירט דוך ניקש דעסידן[5] שמה וייל אקונסעל[6] מוז גֵין [.] ואמר לנו בזה הלשון [:„ איך הב אייך ניקש ווידר קענין טון אלש אלי אייערן חריו׳[ת] וזכויו׳[ת] של הקיומי׳[ם][7] והרעזון[8] ואינקונוויניאן[9] של הדיקלאראסיאן[10] הכל בעיון ובטוב מפורש לטובתכם גשטעלט נגד זה כה״ג[11] מעגין שטעלין[12] האוויס[13] של אינדאַנטאן[14] ומ׳ דעבעליל[15] וואו גם ניקש הב דרפן הוישן (?) לוזין. עכשיו גיבט מיר איין תירוץ [:] דא פֿינד איך איין עקסטרע איזט גימאכט וואהרן סעפטעמ׳ תשי״ב[16] ור[17] אותן הדרי׳[ם] במֵיץ וגם בהמדינה דז מן נגדיכם ונגדיהם ג״כ מעמאר אן געבן המעמאר פון דיא בלינט[18] פֿינד איך ניט רק העקסטרע [.] הוט אונש פור גליינט מראשה לסיפה דז מן ראבורט[19] אלי חריו׳[ת] שלנו פון הקיומים שלנו אלי פאווער[20] וואש דרין שטֵין לטובתינו וואלכש ע״י אדון ש׳ קונטע[21] גשיקט זיין וואהרן קופייאין קאלאסיאני[22] מהקיומי׳[ם] ה״ה הקהל יצ״ו אים שמה קומיניקט[23] האבן. אז שטֵיט תוך עקסטרע אלי פאווער כנ״ל וואש אותן הדרי׳[ם] בקהלתינו יצ״ו אבר בני המדינה העטין כלל קיין קיומי׳ או חריו׳ העטין זיך בלי רשות משיב גיוועזין [.] אזו שטיט על גבי עקסטרע גשריבן מיד מ׳ וואיסין וויא ער האט גראנט קונט[24] לא׳[דון] המלך לואי י״ד ע״ה ואינדאנסיאן[25] שלו ווערט כלל ניקש צו שאַנשין[26] מה שנוגע ב״י הדרי׳ בקהלתינו אונ׳ אין איהרן חריו׳ ופריווילעשן[27] זולן בלייבן זולו׳[ת] זולן קיין פרעמדן צו זיך נעמן אם לא באַר מאַריאַש[28] אונ׳[ט] זיך קאנפארמן[29] זולן אָס שארש[30] בתוך הקיומי׳[ם] שטין [.] ומה שנוגע ב״י הדרי׳ במדינה וויל זיך משיב גיוועזין בלי רשות וויל אדונינו המלך הנ״ל כלל ניט לײדן ואינדאנסיאן שלו איזט [:] זולן חוץ למדינה [.] אונ׳ הוט ארדונט[31] דיר צו שרייבן דהיינו לאדון ש׳ קונטע זיא צו אווערדן[32] איהני צייט צו זעצין חוץ למדינה זיך זולן מאכן ואפי׳ אותן הדרי׳[ם] בדידנהויבן[33] וויל המלך יר״ה ג״כ ניט ליידן בכן ווערט דיזוז איין דיזיסיאן[34] גיוועזין אנשי מדינה זולין זיך פֿארט מאכין זולן [”] אמר מ׳ מאַרִיא.

אח״כ פֿינט איין אחר עקסטרע ון[35] דיצעמבער תשי״ב וואו ב״י הדרי׳ במדינה האבן על גירוש הנ״ל איין מעמאר אן געבן אונ׳ עקספאזט[36] וויא שונט ימי׳[ם] ושני׳[ם] בתוך המדינה וואהנין אונ׳ וויא קיין פרעמדי׳[ן] זיין אונ׳ וויא בשעת מלחמה גראנט סערוויס[37] העטין מיט סוסי׳[ם] ותבואה לתוך המדינה לוזין ברענגין [.] ובתוך העקסטרע זו ראבורט[38] מן שני כתבי׳ משנת תש״ב ותש״ג אדון שאמיליַער[39] האבין תובע גיוועזין מאדון אינטאנד׳ דיא דינאמפרימאן[40]

מאנשי המדינה שהי'[ו] אז פ"ד פאמיל' דהיינו רמ"ה נפשו'[ת] אנשי'[ם] נשי'[ם] וטף [.] אזו העט אז גשיקט אַלאַווֵי דע לינטאנטאן[41] ואח"כ גראנט קונט לאדונינו המלך ע"ה הנ"ל ואינטאנסיאַן שלו ווערט אז גיוועזין [:] ווייל דר זיין במדינה זולן וואהני'[ן] בלייבן על מנת קיין אחרי' קומין זולן להבא במדינה לדור, ועל גבי העקסטרע שטֵיט גשריבן סתם אֵילש סָאטעֶרָון דאַן דִיס מאַי [.][42] אזו איזט זיין קשי'[ה] וואו אונש הוט תירוץ גפאדרט למה דיא אורדיר של המלך יר"ה ניט עקסעקוּט ווערט גיוואהרן [?] זא ווערט דאך סוף שנת תשי"ב מחדש איין דיזיסיאן אנשי מדינה אוועק זולן, ואמרנו לו וויא איין כתב מן מ' וואיסין לאינטאנטאַן מ' דע ש' קונטע איזט גשריבן וואהרן אז בני המדינה זולן כבראשונה בלייבן [.] והשיב לנו [:] איך פֿינט כלל קייני' כתבי' יותר אבירא שלי הב לוזין נאכ זוכן [.] אזו מיר... גרעט עמו קונטעסט[43] יותר אלש רביעי' שעה [,] דיא אחר עקסטרע ווערט דיזיסיאן המלך יר"ה [;] אינדאנסיאן איזט גיוועזין בשנת תשי"ב דז זולין וואהנן בלייבן בהמדינה אונ' וואש שטיט אלַא נעֶט אֵילש סאַרטעֶראַן דאן דִיס מאו העט אדון ש קונטע זלין (?) געבן גיהאט [,] ווערט רק לזכרון דרויף גשטעלט וואהרן אזו הוט אונש ע"פ העקסטרע פור גלייאנט כמו מעל דף שטֵיט וואו מן ראבורט הוט הכתבי' משנת תש"ב ותש"ג זעלביג מאלט אינטאנסיאן של המלך יר"ה ווערט גיוועזן ווייל דר זיין במדינה זולן בלייבן, אבר משנת תשי"ב על עקסטרע הנ"ל פֿינד קיין אנדרן דעזיסיאן אלש המלך יר"ה קיין ב"י במדינה העט וואלן ליידן אפיל' בדידנהויבן ג"כ ניט [.] ואמרתי לו [:] דער כתב מן מ' וואיסין איזט לאחר הדיזיסיאן של גירוש הנ"ל גשריבן וואהרן לאינטאנטאן מ' דע ש קונטע מיר זיין איבל דראן באם אינטאנטאן פאוואראבל ור אונש ווערט העט ער אזו וואהל דז גוט דרין גשטעלט אלש דז ביז דען דער בריב גהערט שמה זיין אלאינדאנטאנש דז מן בוע"ה מעלים איזט ולא נודע לנו אויב קהל שי'[חיה] איין קופייא האבן דערפון [.] אונ' מיט אים לארכו ולרחבו כאשר איש אל רעיהו גרעט אונ' אונש מגלה גיוועזין דז בדאגה איזט אדון דאנשערוויליער[44] אים מעכט שני עקסטרעס תובע וויין אודו' וד"ל (?) זיך שטאריק דוט בוע"ה פֿונטין אויף דיזן דיזיסיאנש המלך קיין ב"י הוט וואלן ליידן בשנת תשי"ב דז שמה מן אינדאנטאן שהי' באותו פעם נעגלישט[45] ווערט וואהרן צו עקסעקוטן[46] האורדר [.][47] והשבנו לו [:] באם שונט הכתב פֿור האנד [,] איזט זיין זיא דאך אין גיצאגין בהקיומי' תשי"ח וגם בהדאַן[48] של בראנקאס תשט"ו אותן הדרי' במדינה ואותן שיבואו לדור במדינה וואו שונט ח"י שני' האבן מעו'[ת] בראנקאס צלט [.] ואמר לנו מאוועס סטיל[49] אונ' איזט בזמן הרעשאנש[50] גשעהין וואו מן ניט הוט גיווישט אינטאנסיאן של המלך שנת תשי"ב כאם ח"ו ניט פשוט איין רעגלמאן גימאכט ווירט אונ' אַשיֵט[51] ווארט אקונסעל כמו מן זיך ראבורט על עקסטרעס הנ"ל [.] מי יודע עד היכן הדבר מגיע ח"ו [.] זוכט שרייבט למטה לוזט אייך קופייא שיקן מן הכתב מ' וואָיסָין דז איין דיזיסיאן נאך חדש דיצעמבר תשי"ב איזט גשעהין אינטאנסיאן של המלך ווערט גיוועזין צו לוזין במדינה ב"י ווערט העסק טוב ור בני המדינה [.] ואמר לנו [:] תאמן לי וואש מצידי וויהר קענין טון הכתבי' צו רוק צו הלדן באם מן מיר מעכט תובע זיין מיך מאכי' זוכן וגם ניט ארבייא גלֵיגט ח"ו לרעה אדרבה רק הידוע מאכט מאנסיאן[52] דאוויא שלו דז צו בזארגין איזט המיניסטר מיר תובע איזט [.] לכן מעגט איר פיעס[53] דרזינט האבן מאיזה טעם דז וואהנין זיין גבליבן במדינה [.] ואמר לנו [:] באם באמת נעגלישט איזט גיוואהרן אודר אינטאנטאן והשררו' האבן זיך מיט זיא ור שטאנטין נגד צווה המלכו' גבליבן זיין ווערט דען ניט בעשיר גיוועזין דז מן באותו פעם העט עקסיקיט האורד' של המלך ע"ה אונ' לוזין עוקר דירה זיין ווערט איהר עכשיו ניט אין דער אמפרא [.][54] מן העט יהודי' ממיץ ניקש קענין טון [.] רק ווייל בני המדינה בלי רשות וואהנין זיין גבליבן אונ' מכלה זיין כל המדינה אזו ווערט דיקלאראסיאן נגד הכלל גאנגין [.] דיא זעני שולד אן אייערן צרות [.] וואו רום מעלתכם זיך קענין מצייר זיין הרשעו' דז וד"ל (?) בוע"ה נגד ב"י בהמדינה הוט גשריבן דז מיר מרוב דמעות ושברון לבבו' ושברון כל גופינו בוע"ה לראו' ולשמוע בצרות אחינו בני ישראל בני

המדינה העומדי׳ בצרה גדולה המקו׳ ב״ה ירחם עליהם ועלינו להפר עצת אויבינו הקמי׳ נגדינו ואין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים ועל זכות אבותינו אשר בארץ החיי׳ המה יגינו וימליצו שמה בעדינו ובעדם ואב הרחמן יזכור אותנו לטובה כי בך בטחנו ויקוי׳ בנו ואף גם זאת בהיותם בארץ וכו׳

ע״כ[55] אהובינו הכתבי׳ שמה נאך צו זוכן אויב קופייא מן הכתב צו פֿינדן איזט, או זונשטן איזה קיומי׳ מהמדינה פֿור האנדן איזט הן זינט תשי״ב או מקדם דז מן קאן מראה זיין בני המדינה יוא ברשות בתוך המדינה זיין גיוועזין או אויב אנשי דידנהויבן איזה דבר האבן דז לאנשי המדינה קאן העלפין באם ח״ו מעכט קעסטיאן[56] זיין לבטל הגזירה [.] מיר האבן למ׳ מאריא הכל בכל גזאגט וואש ניטג איזט וואו לבסוף רחמנו׳ עלינו האט בקומין אונ׳ גזאגט מן העט נאך ניקש דעזיט יוכל להיות אפשר פשוט אב גיט [.] ושאלנו לו דרך עיצה אויב מיינט דז זולן קטן מעמאר׳ פור בני המדינה אן געבן [.] והשיב לנו [:] לא [,] איהר מעגט ניט צועק זיין קודם גשלאגין זייד [.] מן הוט יוא נאך ניקש על כך דעסיט [.][57] אריג גינונג באם ח״ו קעסטיאן לכך מעכט זיין ויוכל להיות דז מן הארע דאן של בראנקאס ובאם אנטאנט[58] תשי״ח דוט ארקענין ור איהרן דעזיסיאן על גירוש תשי״ב ע״כ לבינו וראשינו בל עמנו וידינו כבדי׳ עלינו שלא נדע מה לעשו׳[ת] וסיוע׳ ה״ יהיה בעזרתינו מיר ויהרן ניקש נעגלשיהרן אונ׳ אויך ח״ו בני קהלתינו ובני המדינה ניט מסכן זיין דז מיר שרייבן וויהרן [.] עכשיו העסק משום מיר על הימי׳ הנוראי׳ הבאים לקראתינו לטובה אהיים וואהלן [.] חלילה לנו ובאם אויך נאך זמן ח״ו מעכט (?) צו גין [.] וידוע לנו ה״ה הקהל יצ״ו אונש מוצא ומזכר בתפילתם ווערדן [.] רק צו רוק קענין מיר דאך ניט האלדן וביד המיניסטר איזט העסק [.] פון מלחמה [?] ווירט שטאריק גרעט דז לדעתינו בעשיר איזט דז בקרוב ראבורט ווירט אולי רחם ה׳ עלינו פשוט אב גיט לוז מן איהני איין רעגלמאן וקונדיסיאן מאבין יהיה מה שיהיה איזט בעשיר אלש גירוש ח״ו יש לדאוג באם חלילה רעבארט ווירט ואח״כ קיין מלחמה מעכט געבן דז מן גיט מיט זיך זעלברט צו טון הוט זולכי עסקי׳ מעהר פור הנט גינומין וואהרן [,] ע״כ תן לחכם ויחכם.... על כל דבר משיב צו זיין וב״ה הגדול בטחנו להושיענו מצרה זו ויוציאו לאור משפטינו במהרה לבשר לכם בשורו׳ טובו׳ ישועו׳ ונחמו׳ לבואו בשלום לביתינו בקרוב אמן ובזה אקצר וכל טוב לא יבצר, וה׳ יציל וישמר אותנו מן המיצר כ״ד המוטרדי׳ בצער ושברון לבבו׳ ונקוה לה׳ הישועה כ״ד · בעט רמכ״ת[59] אונש דאך על כל פרט ופרט תשובה נכונה צו שרייבן ניט כסדרם מיר ניט לכאן געבן דש ח״ו עלינו ווערן חוט השערה נעתק כי תשועה ברוב יועץ האפין הש״י ב״ה בדרך הישר ווערט פירן לאחר רעכט׳ תשובה מרמ״כ ווערן העבן כ״ד הקטן ליב ווימפן

[פֿון אַן אַנדערער האַנט:] ע״ש היום על הלילה או מחר בהשכמה קומט המיניסטר מקומ־פיען[60] ויהרן מיר זיך אצלו פֿינדן לוזין לדבר עמו ולשמוע ממנו איזה דבר לטובה לרום מעלתכם נאך ריכט ויהרן געבן אי״ה מקטון ועד גדול אונ׳ הײַבט עכשיו דז לאַפין אונ׳ ווארן ווידר אן תקיפי׳ צו שפרעכין מיר ויהרן מאַדאַם דעבראנקאס ומ׳ דעפאנטאנש[61] קיין מנוחה לוזין בקיצרה טואי כאשר מוטל עלינו כ״ד עבדיכם נאמן ד״ש הקטן יצחק איצק קאבלענץ מזיא שמש דק״ק מיץ

✶

קיצור פֿון בריוו 11: אין אַנהייב גיבן די שליחים אַ דין־וחשבון וועגן דעם וויזיט בײַ ה׳ מאַרי. ער האָט אָוועקגעשיקט אַן אויסצוג וועגן דעם עסק בראַנקאַס דעם מיניסטער קיין קאָמפּיען [נישט ווײַט פֿון פּאַריז].

אָבער לויט זײַן מיינונג בלײַבט נאָך אַ שוועריקייט מיט דער אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ דעקרעט, וואָס דער קיניג לוי דער פֿערצנטער האָט אין 1712 אַרויסגעגעבן וועגן די ייִדן פֿון מעץ און פֿון דער מעצער פּראָווינץ [דער „מדינה״]. לויט ה׳ מאַרי

באַטײַט דער דאַזיקער דעקרעט, אַז לויִ דער פּערצנטער זאָל האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די ייִדן פֿון דער „מדינה", וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט אָן אַ דערלויבעניש, זאָלן פֿאַרלאָזן די פּראָווינץ.

אַנטקעגן אָט דער טענה האָבן זיך די שליחים פֿאַררופֿן אויף אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן אַ געוויסן ה׳ שאַמילאַר און דעם אינטענדאַנט פֿון מעץ אין די יאָרן 1702 און 1703. פֿון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ איז קלאָר — אַזוי אַרגומענטירן די שליחים — אַז לויִ דער פּערצנטער האָט בדעה געהאַט צו לאָזן צו רו די ייִדן פֿון דער „מדינה", בתּנאַי אַז זיי זאָלן נישט אַרײַנפֿירן קיין אַנדערע ייִדן זיך דאָרט צו באַזעצן.

די שליחים בעטן דרינגלעך, אַז קהל זאָל זיך באַמיִען צו געפֿינען אַ דאָקומענט, וואָס וואָלט באַשטעטיקט די דאָזיקע מיינונג.

## הערות

1 Versailles — זינט לויִ דעם פּערצנטן איז דאָרט געווען דער קיניגלעכער הויף.
2 au bureau — אינעם ביוראָ.
3 extrait — אויסצוג.
4 Compiègne — זען הערה 8 צום בריוו 10.
5 décider — באַשליסן.
6 au Conseil — צום ראָט.
7 = די פֿרײַהייטן און פּריווילעגיעס וואָס געפֿינען זיך אין די אָפֿיציעלע אַקטן פֿאַר אַ דערלויבעניש צו וווינען.
8 raison — סיבה.
9 inconvénient — אומבאַקוועמקייט.
10 déclaration — אַ געזעץ, וואָס דער קיניג פֿלעגט אויסטײַטשן, בײַטן אָדער גאָר מבטל זײַן אַן אָרדאָנאַנץ, באַפֿעל אָדער אַן עדיקט.
11 כהאַי גוונא — אָט אַזוי.
12 אונטערגעשטראָכן אין טעקסט.
13 avis — דעה.
14 Intendant.
15 De Belleisle, Belle-Isle, comte de-, — 1765—1733 איז געווען „גוווערנער" אין מעץ.
16 = 1712.
17 = פֿאַר.
18 plainte — טענה, תּרעומה.
19 rapporter — באַריכטן.
20 faveurs — חסדים.
21 Saint-Contest.
22 collationnée — קאָפּיע פֿאַרגליכן מיטן אָריגינעלן דאָקומענט.
23 communiquer — איבערגעבן.
24 rendu compte — אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון.
25 intention — כּוונה.
26 changer — בײַטן.
27 privilège — פּריווילעגיע.
28 par mariage — דורך אַ שידוך.
29 se conformer — זיך צופּאַסן.
30 aux charges — אויף די שטײַערן.
31 ordonné — באַפֿוילן, פֿאַראָרדנט.
32 avertir — צו וויסן טאָן, וואָרענען.
33 Diedenhoffen איצטער Thionville.
34 décision — באַשלוס.
35 = פֿון.
36 exposé — אויסגעלייגט.
37 grands services — גרויסע טובֿות.
38 זען הערה 19.
39 Chamillieres?
40 dénombrement — ציילונג.
41 a l'avis de l'intendant — לויט דער מיינונג פֿונעם אינטענדאַנט.
42 ils sortiront dans dix mois — זיי וועלן אַרויסגיין אין צען חדשים צײַט.
43 contester — דיסקוטירט, זיך געשפּאַרט.
44 d'Angervilliers.
45 négligé — פֿאַרוואָרלאָזט.
46 exécuter — אויספֿירן.
47 ordre — באַפֿעל.
48 don — מתּנה.
49 mauvais style — שלעכטער סטיל.
50 Régence — רעגענץ.
51 agit — געהאַנדלט, געטאָן.
52 mention — דערמאָנונג.
53 pièce — דאָקומענט.
54 embarras — אַ שווערער מצבֿ, אַ קלאָפּאָט.
55 = על־כּן — דערפֿאַר.
56 question — פֿראַגע.
57 décidé — באַשלאָסן.
58 entente — פֿאַרשטענדעניש, אָפּמאַך.
59 = רב מעלת כבוד תורה.
60 Compiègne.
61 de Fontanges — אומבאַקאַנט.

## פֿראַנצייזישע ווערטער וואָס געפֿינען זיך אין די בריוו

אבאנדונט — abandonné — פֿאַרוואַרלאָזט, פֿאַרלאָזט

אבסולימאן — absolument — אומבאַדינגט

אבראבאה — à propos — אַגבֿ, אויך: ריכטיק, אָנגעלייגט

אוויא — avis — דעה

אווערדן — avertir — וואָרענען

אופיר — offrir — אָנבאָטן

אורדר, ארדיר — ordre — באַפֿעל

אטאנסיאן, אטאנסיון — attention — אויפֿמערק

אטאריטע — autorité — אויטאָריטעט

אינטאנטאן, אינדאנטאן — Intendant — אינטענדאַנט; העכסטער פּראָווינץ־אַדמיניסטראַטאָר

אינטאנדאנס — Intendance — פּאָסטן פֿון אַן אינטענדאַנט

אינטערע, אינטרע — intérêt — אינטערעס

אינסטריקטיף — instructif

אינסטריקסיאהן — instruction — באַפֿעל, אָנווייַז: לערנען, ס׳גייט וועגן באַקאַנט מאַכן מיט די יסודות פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע

אינקומביטאן — incompétent — נישט קוואַליפֿיצירט, נישט קאָמפּעטענט

אינקונוועניאן — inconvénient — אומבאַקוועמקייט

אין רעשיסטרט — enregistré — פֿאַררעגיסטרירט

אינסערן — insérer — אַרייַנשטעלן

איסוריער — usurier — וואָכערער

אנרעשיסטרמאן — enregistrement — פֿאַררעגיסטרירונג

אינשיסטיז — injustice — עוולה, אומגערעכטיקייט

אמיטיע — amitié — פֿרייַנדשאַפֿט

אפאזיסיון — opposition — זיך אַנטקעגנשטעלן

אַ פּין דעטיר שאַסע — à peine d'être chassés — אַניט וועט מען זיי מגרש זייַן

ארדונט — ordonné — באַפֿוילן

ארייעראש — arriérage — ניט־באַצאָלטע חובֿות

**ארע** — arrêt — באַשטימונג, פֿאַראָרדענונג

ארע דעבארלימאן — arrêt de parlement — אַ פֿאַראָרדענונג פֿונעם פּאַרלאַמענט

— דעקונסעל — arrêt de Conseil — אַ באַשטימונג פֿונעם ראָט

ארשינאל — original — אָריגינאַל (פֿון אַ דאָקומענט)

אשיט — agit — געהאַנדלט, געטאָן

באסירט (אַנשטאָט: פּאַסירט) — passer — ווערט געהאַלטן פֿאַר...

באראפט (אַנשטאָט: פּאַראַפֿט) — paraphé — פּאַראַפֿירט, געחתמעט

בארטיע — portier — טירוועכטער

בונטע — bonté — גוטסקייט

בירא — bureau — ביוראָ

בערסון (= פּערסון) — personne — פּערזאָן

בלינט — plainte — טענה, תּרעומה

בראוויענט — prevenir — וואָרענען

בראטעקטאר — protecteur — באַשיצער

גארדעסאה — garde des sceaux — אות־באות: היטער פֿון די זיגלען, יוסטיץ־מיניסטער

גיזורברענט — surprendre — פֿאַרחידושן זיך

גשארשט — chargé — באַלאָסטיקט (מיט שטייַערן)

דומעסטיק — domestique — משרת, דינער אָדער דינסטמויד

דזיסיאן — décision — באַשלוס, גמר

דיביטע — député — שליח

דינאמפרמאן — dénombrement — אָפּציילונג

דיסאנטאן, דעסאנטאן — descendant — אָפּשטאַמלינג

דיספאסט — disposé — גענייגט, גינציק

דיפעראנט טערמיני — differents terminis — פֿאַרשיידענע טערמינען (פֿון וועקסלען)

דיקלאראסיאן — declaration — דעקלאַראַציע

דע זהונער (אייגנטלעך איין וואָרט) — des-honneur — אומכּבֿוד

דעטאליע — détaillé — מיט אַלע פּרטים

דעסיזיון = דזיסיאן

דרא — droit — רעכט; אַן דרא — en droit — האָט רעכט

וואָז אַווע אַין גאָווערנער קי עט אַן פּלאַס — vous avez un gouverneur qui est

en place — איר האָט אַ „גוווערנער" וואָס געפֿינט זיך אויפֿן אָרט

וואַלע דעשאַמפּיר — valet de chambre — קאַמערדינער

זיקרעטער — secrétaire — סעקרעטאַר

זישעט — sujet — אונטערטאַנער

זישעטן (זיך) — s'assujettir — זיך אונטער־וואַרפֿן

טאהן — don — מתּנה

טיטר — titre — רעכט

טישפּוט = דיספּוטירן

טראַי — droit — רעכט

טראַנסבאַרט — transport — טראַנספּאָרט־סיסטעם

טרעסי — traité — אַ בעל־פּה־אָפּמאַך

לאַוועף אַנטוואַן אימפּרימריא — La veuve Antoine Imprimerie — די דרוקערײַ פֿון דער אַלמנה אַנטואַן אין מעץ (זייער באַקאַנט אין 18טן י"ה)

לאַנגירן — languir — אויסגיין

מאַנקירט — manquer — פֿאַרפֿעלט

מאַריאַש — mariage — שידוך

נאָטער — notaire — נאָטאַר

נאָמפּיר — nombre — צאָל

נעסעסער — nécessaire — נייטיק

סאָלידיטע — solidité — אַן אָפּצאָל ווי אַ גאַנצער קאָלעקטיוו איז געווען פֿאַראַנטוואָרט־לעך, למשל אַ דאָרף אד"גל

סאָליסידן — solliciter — פֿאָדערן, אַרײַנגעבן תּביעות

סינפֿיע — signifier — באַקאַנט מאַכן (אַ דעקרעט)

סירוויף — survivance, survive — אַ רעכט וואָס גייט איבער צו די יורשים

סירקונסטאַנש — circonstance — געלעגנ־הייט, אומשטאַנד

סערוויס — service — באַדינונג

סערמאַן — sermon — פּרײַדיק

עדיא — édit — עדיקט

עוועשיע — évêché — ביסקופּשאַפֿט

עטאַבליסמאַן — établissement — באַזעצונג, יישוב

ע לענאָוועל מאַריע נע בורן סעטאַבליר אַמעס — et les nouvels mariés ne pourront s'établir à Metz — און די נײַ חתונה־געהאַטע וועלן זיך נישט קענען באַזעצן אין מעץ

עקויע — écuyer — אַ נידעריקערע מדרגה פֿון אַדל

עקסטרע — extrait — אויסצוג

עקסעקירן — exécuter — אויספֿירן

עקסעפּטן — excepter — מאַכן אַן אויסנעם

עקספּעדיסיאַן — expédition — אָפּשריפֿט פֿון אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט

עקספּרעסמן — expressément — בפֿירוש

עשעאַנס — échéance — טערמין פֿון צאָלן

פֿאַוואַראַבל — favorable — גינציק

פּאַטאַנט — patente — פּאַטענט, אַן אָפֿענער דאָקומענט

פֿאָרמע — former — מאַכן, שאַפֿן

פּלאַסע — placet — פּעטיציע, בקשה

פּערמיסיון — permission — דערלויבעניש

פּראָדויט — produit — מאַכט אויס

פּראָטעקסיון — protection — שיץ, באַשיצונג

פּריטאַנסיון — prétention — טענה

פּריווילעש — privilège — פּריווילעגיע

פּרימיער — premier — ערשטער

פּרלימענט — parlement — אַן אינסטיטוציע פֿון דער צײַט פֿון פֿאַר דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע; דאָס העכסטע געריכט

פּרעסיהרן — presser — מונטערן, אונטעריאָגן

קאַבינע — cabinet — קאַבינעט

קומי (אָדער: קומיס) — commis — שליח, באַאַמטער

קומיניקאַסיאַהן — communication — אי־בערגעבן דעם תּוכן פֿון אַ דאָקומענט

קאַמיניטע — communauté — קהילה

קאָמיניקן — communiquer — איבערגעבן

קומיסער — commissaire — קאָמיסאַר

קומערס — commerce — האַנדל, משא־ומתּן

קונט — compte — דין־וחשבון

(גראַנט קונט — rendre compte — אָפּ־געבן אַ דין־וחשבון)

קאַנטינאַווירן — continuer — ווײַטער פֿירן

קאַנטינאַסיאַן — continuation — המשך

קאַנטעסטין — contester — אין ספֿק שטעלן

קונפֿיענט — convenu — אָפּגעמאַכט

קונפּעראַנס — conférence — קאָנפֿערענץ

קאָפּייא — copie — קאָפּיע, אָפּשריפֿט

— קאַלאַסיאַני — collationnée — פֿאַרגליכן מיטן אָריגינאַל און אָפֿיציעל באַשטעטיקט

קופּערט (סוקופּערט) — couvert (sous —) — פֿאַרמאַכט (אַ בריוו)

קעסטיאַהן — question — שאלה, פּראָבלעם

קראַקטער — caractère — כאַראַקטער

קרדיען — quarts dits — אַזאַ מטבע
ראַבאַרטער — rapporteur — די פּערזאָן וואָס ברענגט פֿאַר אַ פּראָבלעם אין אַן אָפֿיציעלער אינסטאַנץ, דאָ: אין פּאַרלאַמענט
ראָל — rôle — רשימה (פֿון די בעלי־בתּים)
ראַנוואַיט — renvoyé — צוריקגעשיקט
ראַנוואַיע — renvoyer — צוריקשיקן
ראַנפערמט — renfermé — אײַנגעשלאָסן, פֿאַרקערפּערט
ראַקעט (אויך: רעקעט) — requête — אויס־פֿאַרשונג, בקשה
רעדוויט — réduit — פֿאַרמינערט
רעװאַקט — révoqué — אָפּגעשטעלט, אָפּגע־רופֿן
רעזון (אויך: רעסון) — raison — סיבּה
רעטאַבליסמאַן — rétablissement — ווידער־באַזעצונג
רעטוסט — radouci — געוואָרן מילדער
רעסערפט — réservé — רעזערווירט
רעסקריפּסיאַן — rescription — אַ דערמאָ־נונג צו אַ בעל־חוב אַז ער זאָל באַצאָלן
רעקאַמאַנדאַסיאַן — récommandation — רעקאָמענדאַציע
רעקונעסאַנס — reconnaissance — דאַנקשאַפֿט
רעשאַן — Régent — רעגענט
שאַגרין — chagrin — עגמת־נפֿש
שאַנסיליע — Chancelier — קאַנצלער (אַ פֿונקציע אין דער צײַט פֿאַר 1789)
שאַנשין — changer — בײַטן
שאַסי — chasser — אַרויסטרײַבן, פֿאַרטרײַבן
שיליעט — juillet — יולי
שיש — juge — ריכטער
שישן — juger — מישפּטן
שישימאַן — jugement — פּסק־דין, פּסק
שע מע רעקאָמאַנט אַ וואָטער בון אַמיטיע — je me recommande a votre bonne amitié — איך רעקאָמענדיר זיך אײַער גוטער פֿרײַנדשאַפֿט
שעף דע קונסיל — chef de conseil — דעגעהר
שעף — de guerre — שעף פֿונעם קריגסראַט

## ראָשי־תּיבֿות

אב״ד = אַבֿ־בית־דין
אח״כ = אַחר־כּך
ב״ב = בעלי־בתּים
ב״ה = ברוך־השם
ב״י = בני־ישׂראל
בוע״ה = בעוונותינו־הרבים
בעז״ה = בעזרת־השם
ב״ק = בראַנקאָס
גי״ה = גלילת ידו (אָדער: ידם) הקדושה
ג״כ = גם־כּן
הבע״ל = הבא עלינו לטובֿה
ה״ה = הלא הם, אָדער: האדון הנכבד (האדו־נים הנכבדים)
וכה״ג = וכּהאַי גוונא
ומא״ה = ומאתי הקטן
ח״ו = חס־ושלום
י״א = ייִראת־אלהים
י״ט = יום־טובֿ
יצ״ו = ישמרנו צורנו וגואלנו (אָדער: ישמרם...)
יר״ה = ירום הודו
כ״א = כּה אָמר
כ״ד = כּה דבֿרי, כּל דבֿר
כד״ש = כּל דבֿר שנצרך
כהר״ר = כּבֿוד הרבֿ רבי
כ״ז = כּל זה
כנ״ל = כּנזכר לעיל
ל״ה = לשון־הרע
לע״ע = לעת־עתּה
לפ״ק = לפרט קטן
לש״ש = לשם־שמים
נר״ו = נטריה רחמנא ופרקיה
סג״ל = סגן־לווי
ע״כ = עד כּאַן, על־כּן
ער״ח = ערבֿ ראָש־חודש
ע״ה = עליו־השלום
עכ״פ = על־כּל־פּנים
פו״מ = פּרנס ומנהיג
ק״ע = קרואי עדה
ר״ד = ראשית־דבֿר
ר״ט = רײַכסטאָלער
ש״י = שם יתברך
שיל״ת = שויתי יי לנגדי תּמיד
ת״ל = תּהלה לאל

# מעצער פּינקס

אין ייִוואָ־אַרכיוו געפינען זיך צוויי בענד פּסק־דינים פונעם בית־דין אין מעץ, פון די יאָרן תקל״א—תק״נ (1771—1790). דער ערשטער באַנד האַלט 97 פּאַליאַזייטן, דער צווייטער 147. חוץ דעם געפינען זיך אַ צאָל לויזע בלעטער, וואָס די לעצטע דאַטע פון דער פאַר־שרייבונג איז 1790.

אויפן ערשטן ליידיקן בלאַט פון צווייטן באַנד איז פאַראַן די ווייטערדיקע אויפשריפט: „פנקס הלז מחזיק קמזי״ן [147] דפים ועד בכלל והוא מיוחד לכתוב בתוכו כל הפסקים ומעב״ד [מעשה־בית־דין] שיצאו ויקימו ע״י הב״ד פה קהילתנו מהיום ולהבא.״

די פּסק־דינים נעמען אַרום אַ רייכע גאַמע פון די פאַרשיידנסטע ענינים: פּריוואַטע געלט־סיכסוכים, פאַמיליע־ענינים, סיכסוכים צווישן יחידים און חברות, ענינים פון מאָראַל, צוואות אאַז״וו. זיי גיבן אַ פּילזייטיק בילד פונעם לעבן פון דער מעצער קהילה אין די 70ער און 80ער יאָרן פון 18טן י״ה.

מיר דרוקן דאָ איבער צוויי פּסק־דינים פון דעם ערשטן באַנד.

## פּסק־דינים פונעם בית־דין אין מעץ

דף ט״ו ע״ב מעב״ד שנעשה עבור החברא מלביש ערומים. בין אנשי ידלא זעריג עם הקהל זעריק.

בא לפנינו ב״ד ה״ה התורני כהר״ר ליב ווירמש מורשא של החברא קדישא מלביש ערומים עם הישיש ר׳ מאיר לור ור׳ איצק ב״ר זיסקינד חלפן ור׳ אליה ג״ב [?] בכו״ה מכל החברא כפי מאמרם. מאחר שנפלה פרישות בין החברא ע״ד התנאי שכתוב בשטר שלהם להלביש שלשה ילדים הלומדים. והאידנא נפישא רמאי שהילדים לומדים ע״מ לקבל פרס מלבוש מהחברא ואח״כ בורחים מבית הספר. ובשביל זה רבות מסרבים לשלם מה שחייבים כי אומרים אדעתי דהכי לא נדרנא. ורבים מהחברא רוצים לצאת מהחברא עד שכמעט יהי׳ בטל הוועד כלל וכלל ואין סיפוק בידם לקיים התנאי על אופן המבואר בשטר. רק לזאת הסכימו כולם להלביש תחת שלשה ילדים שני ב״ב עניים מקהילתנו יע״א ואותן שני ב״ב לא יהיו מאותן שבחברא. ועל זאת מרוצים לעשות קישור מחדש בכא״ה ולא די שאינם רוצים לגרוע, רק להוסיף פסיקת דמים עבור שני מלבושים ב״ב הנ״ל כדי שיעלה יחד השני מלבושים יותר מחמשים ליוור מה שלא הוציאו מתחילה הילדים. ואין לך מצוה גדולה מזו. בעתים הללו שכיום קשה מחברתה. שכמה עניים אין להם לכסות בשר ערוה. גם צעקת רבים מהחברא מאחר שיש כמה תנאים בשטר שלהם בחרם. ורבים נכשלים במצודת חרם. לזאת דעותם מסכמת לבטל החרמות אם הב״ד מסכימין לזה. ולאחר ששמענו דבריהם, מצאנו עפ״י לשון השטר שלהם יש כמה צדדים להתיר לשנות מצדקה לצדקה. באשר שלפי משמעות השטר הוי כמעט ממין שאין לו תובעים. ומעתה לית דין צריך בשש שאין זה שינוי רק הוספה ובפרטות לעשות משמרת שלא לבטל הוועד כלל וכלל לזאת דעתנו מסכמת לדעת החברא לצאת ידי נדרם להלביש תחת הילדים שני ב״ב עניי עירנו דווקא. אך זאת מצאנו שאותן שני ב״ב יהיו לומדים. דהיינו

המכונים בשם חבר. ולאותן שבחברא אפילו שאין לו חבר הקרוב קרוב קודם. ומה שנוגע לבטל החרמות דעתנו מסכמת לזה מאחר שכולם מסכמים. רק מאחר שכל השטר של החברא קדישא הנ״ל סובב והולך עפ״י מרא דאתרא לזאת מצאנו לשאול פי אדונינו מורינו ורבינו אב״ד נר״י אם הוא מסכים לבטל החרמות אזי יראה עיני החברא כטוב בעיניהם לבטל מהחרמות מה שירצו. המעב״ד הנ״ל נעשה היום יום התמישי אחד עשרים לח׳ שבט תקב״ל הדיינים ה״ה מו״ה סענדר כץ וה״ה מו״ה מרדכי לור. והשליש ה״ה התורני פו״מ מו״ה יוסף ווילשטט.

## איבערזעצונג

דף ט״ו עמוד ב׳ מעשה־בית־דין וואָס איז געפּסקנט געוואָרן פֿאַר דער חבֿרה מלביש־ערומים תקל״ב: פּסק־בית־דין צווישן די מענטשן ידלא זעריג און דעם קהל [פֿון] זעריק.

פֿאַר אונדז, פֿאַרן בית־דין, איז געקומען דער תּורני כּבֿוד הרבֿ ר׳ ליב ווירמש דער גבאי פֿון דער חבֿרה־קדישא מלביש־ערומים מיטן זקן ר׳ מאיר ליוועער און ר׳ איצק בן ר׳ זיסקינד חלפֿן און ר׳ אליה ג״ב [?] מיט דער פֿולמאַכט פֿון דער גאַנצער חבֿרה. לויט ווי זיי האָבן געזאָגט. אַזוי ווי ס׳האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער חבֿרה אַ צעטיילטקייט צוליב דעם תּנאַי וואָס איז פֿאַרשריבן אין זייער שטר צו באַקליידן דרײַ קינדער וואָס לערנען. און הײַנט זענען דאָ אַ סך ליגנערס, און די קינדער לערנען כּדי צו באַקומען באַצאָלט אַ מלבוש פֿון דער חבֿרה און דערנאָך אַנטלויפֿן זיי פֿון דער שול. און צוליב דעם זענען דאָ אַ סך וואָס זאָגן זיך אָפּ צו צאָלן וואָס זיי זענען שולדיק, ווײַל זיי זאָגן אַז נישט אויף אַזאַ באַדינג האָבן זיי מנדר געווען און אַ סך פֿון דער חבֿרה ווילן אַרויס פֿון דער חבֿרה, ביז דער וועד קען נאָך אין גאַנצן בטל ווערן, און זיי קענען ניט מקיים זײַן דעם תּנאַי ווי עס איז אין דעם שטר. דערפֿאַר האָבן אַלע מסכּים געווען צו באַקליידן אַנשטאָט דרײַ קינדער צוויי אָרעמע בעלי־בתּים פֿון אונדזער קהילה. דער אייבערשטער זאָל זי אויפֿריכטן, אָמן. און יענע צוויי בעלי־בתּים זאָלן נישט זײַן פֿון דער חבֿרה און דערפֿאַר זענען זיי ווילִיק צו מאַכן אַן אָפּמאַך פֿון דאָס נײַ אויפֿן בעסטן אופֿן, און נישט נאָר וואָס זיי ווילן נישט פֿאַרמינערן [דעם אָפּצאָל] נאָר זיי ווילן נאָך מוסיף זײַן אַ געלטאָפּצאָל פֿאַר צוויי מלבושים פֿאַר די דערמאָנטע בעלי־בתּים, כּדי עס זאָל פֿאַר די צוויי מלבושים אין איינעם באַטרעפֿן מער ווי פֿופֿציק ליוועער, וואָס מ׳האָט עס לכתּחילה נישט אויסגעגעבן פֿאַר די קינדער, און ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערע מיצווה, אין די איצטיקע צײַטן, ווען איין טאָג איז שווערער פֿונעם צווייטן, ווען אַזוי פֿיל אָרעמע־לײַט האָבן נישט [מיט וואָס] צו פֿאַרדעקן זייער נאַקעט לײַב. און אַ סך פֿון דער חבֿרה שרײַען, אַז אין זייער שטר זענען פֿאַראַן אַ סך תּנאָים מיט אַ חרם. און אַ סך ווערן געשטרויכלט אין דער נעץ פֿון אַ חרם. דערפֿאַר זענען זיי געקומען צו אַ מסקנא בטל צו מאַכן די חרמות, אויב דער בית־דין איז מסכּים דערצו. און נאָך דעם ווי מיר האָבן געהערט זייערע רייד, האָבן מיר אויסגעפֿונען לויטן לשון פֿון זייער שטר, [אַז] עס זענען דאָ עטלעכע מעגלעכקייטן צו בײַטן איין צדקה אויף דער אַנ־דערער, ווײַל לויטן באַטײַט פֿונעם שטר איז ער פֿון אַזאַ מין, וואָס ער האָט נישט קיין מאָנערס, און פֿון איצט אָן דאַרף מען גאָרניט בײַטן, ווײַל דאָס איז נישט קיין שינוי, נאָר אַ הוספֿה, און ספּעציעל כּדי צו פֿאַרהיטן, אַז מע זאָל נישט אין גאַנצן מבֿטל זײַן דעם וועד. דערפֿאַר זענען מיר מסכּים מיט דער מיינונג פֿון דער חבֿרה, אַז זיי זאָלן מקיים זײַן זייער נדר דערמיט וואָס זיי וועלן באַקליידן, אַנשטאָט די קינדער, צוויי אָרעמע בעלי־בתּים פֿון אונדזער שטאָט דווקא. נאָר מיר האַלטן, אַז די צוויי בעלי־בתּים זאָלן זײַן לומדים, דהײַנו וואָס זיי האָבן דעם טיטל חבֿר. אָדער אַפֿילו אַזעלכע פֿון דער חבֿרה, וואָס זיי האָבן נישט קיין [טיטל] חבֿר. דער נענטערער קומט פֿריער. און וואָס עס איז נוגע דאָס בטל מאַכן די חרמות, זענען מיר מסכּים דערצו, נאָך דעם ווי אַלע זענען מסכּים. נאָר אַזוי ווי דער גאַנצער שטר פֿון דער אויבן דערמאָנטער חבֿרה־קדישא פֿונקציאָנירט לויטן מרא דאַתרא, דערפֿאַר האָבן מיר געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿרעגן אַדוננו מורנו ורבנו, דעם אַבֿ־בית־דין, דער אייבערשטער זאָל אים באַהיטן און באַשירעמען, צי איז ער מסכּים בטל צו מאַכן די

חרמות — און דעמאָלט װעלן די פֿאַרװאַלטערס פֿון דער חבֿרה טאָן דאָס, װאָס זיי האָבן אָזוי געװאָלט — בטל מאַכן די חרמות.

אָט דער אויבן דערמאָנטער מעשה־בית־דין איז אַרויסגעגעבן געװאָרן הײַנט, דאָנערשטיק איין און צװאַנציק טעג אין חודש שבֿט תקל״ב. די דיינים הרבני המופֿלג מורנו הרבֿ סענדר כּץ און הרבני המופֿלג מורנו הרבֿ מרדכי ליװער און דער שליש הרבני המופֿלג, דער תּורני, דער פּרנס ומנהיג מורנו הרבֿ יוסף װילשטאָט.

דף כב

בא לפנינו ב״ד הנער ר׳ משה פולדא משרת אצל ר׳ נטע פולדא ובקש מאתנו ב״ד להזדקק ולשמוע את מאמר הנערה קילכה בת רפאל בפלוי [?] אם מחזקת את הלעז שהוציאה עליו לאמור ממנו נתעברה. כי היא הרה לזנונים. כי בוודאי לא תעיז בפנינו להחזיק דברים הנ״ל. ונזדקקנו אנחנו ב״ד לשלוח אחריה. ובאתה הנערה הנ״ל עם אמה פראטלכה וחתנה אלי׳ ג״ב [?] והעיזה פניה נגד ר׳ משה הנ״ל בעזות מצח כזונה ור׳ משה הכחישה וטען אחרי שידוע [שידוען] לכל שאינה מיושבת בדעתה ושוטה אין לו בושת להעיז במצח נחושה כזונה מאנת הכלם להגיד האמת כי מעולם לא נשמע שום דבר עול ועון ממנו. בפרט שלא הי׳ שום קרבית עמה. והאם של הנערה הנ״ל וחתנה הי׳ רוצים להחזיק את דבריה עפ״י מאמרה אף שהודו שהיא שוטית ועשאה גם זולת זה מעשים מכוערים. מ״מ התאמצו לתבוע ממנו לשלם דמי הוצאות הלידה ושאר הוצאות בימי הלידה. ואחר ששמענו דבריהם ושלחנו אחר העדות שסמכו ובטחו בו צד הנערה. ואחר החקירה הטוב מצאנו דלית בו ממשא בדברי העדות, אדרבה צד הנערה הם מוחזק כפרן ע״י העדות בכן יצא מאתנו ב״ד באשר שדברי הנערה כי הומיה ובלי דעה מה והיא אינה מיושבת בדעתה מ״מ הטלנו על ר׳ משה הנ״ל חרם הגדול לגלות האמת. ומאחר שקבל עליו ר׳ משה החרם הגדול ששקר ענתה בו ואין עליו שום בירור כלל וכלל בכן אין לו עליו שום טענה ותביעה ואין חוששים ללעז שלה. הפסק הלז יצא מפי ב״ד היום יום הראשון אחד עשר יום לח׳ אדר שני תקל״ב לפ״ק הב״ד ה״ה אדמו׳ הגאון אב״ד נר״ו וה״ה מו״ה יודל מערכינגן וה״ה מו״ה מרדכי לור.



איבערזעצונג

דף כ״ב

ס'איז געקומען פֿאַר אונדז, פֿאַרן בית־דין, דער יונגער־מאַן ר׳ משה פֿולדאַ, אַ משרת בײַ ר׳ נטע פֿולדאַ, און געבעטן אונדז, דאָס בית־דין, אַז מיר זאָלן זיך דורכויס צוהערן צו

די רייד פֿונעם מיידל קילכה בת רפֿאל [...], צי זי האַלט זיך נאָך בײַם בילבול וואָס זי האָט אַרויסגעלאָזט קעגן אים, אַזוי צו זאָגן: אַז פֿון אים איז זי פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. ווײַל זי איז טראָגעדיק פֿון זנות. ווײַל אַוודאי וועט זי פֿאַר אונדז אין די אויגן נישט האָבן דאָס עזות זיך צו האַלטן בײַ אירע אויבן דערמאָנטע רייד. האָבן מיר, דער בית־דין, תּיכּף געזען, אַז מע זאָל שיקן נאָך איר. איז געקומען דאָס אויבן דערמאָנטע מיידל מיט איר מוטער פֿראָטלכה מיט איר חתן אלי׳ ג״ב [?] און זי איז געווען חוצפּהדיק קעגן דעם אויבן דערמאָנטן ר׳ משה, מיטן עזותדיקן שטערן פֿון אַ זונה. און ר׳ משה האָט זי אָפּגעלייקנט און געטענהט, אַז ס׳איז אַלעמען באַוווּסט, אַז זי איז שוואַכזיניק, און אַ שוטה האָט נישט קיין בושה. און זי רעדט מיט עזות, מיט אַ קופּערנעם שטערן, ווי אַ זונה און זי שעמט זיך נישט און זאָגט נישט דעם אמת. ווײַל מ׳האָט פֿון אים קיין מאָל נישט געהערט קיין עוולה און קיין זינד, בפֿרט אַז ס׳איז נישט געווען מיט איר קיין שום נאָענטקייט. און די מוטער פֿונעם אויבן דערמאָנטן מיידל און איר חתן האָבן געוואָלט פֿאַרפֿעסטיקן אירע רייד, לויט ווי זי האָט גערעדט, כאָטש זיי האָבן צוגעגעבן אַז זי איז אַ נאַר און אַז זי האָט שוין אַחוץ דעם געטאָן מיאוסע מעשׂים. פֿון דעסט וועגן האָבן זיי זיך באַמיט צו מאָנען פֿון אים, אַז ער זאָל באַצאָלן די הוצאָות פֿון דער געבורט און די איבעריקע הוצאָות אין די טעג פֿון דער געבורט. און נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעהערט זייערע רייד און מיר האָבן געשיקט נאָכן עדות, וואָס דעם מיידלס צד האָט זיך אויף אים סומך געווען און זיך אויף אים פֿאַרלאָזט, און נאָך אַ גוטער אויספֿאָרשונג, האָבן מיר אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז נישטאָ אין די רייד פֿונעם עדות קיין שום ממשות. אַדרבא, דעם מיידלס צד ווערט, לויטן עדות, געהאַלטן פֿאַר ליגנערס. האָבן מיר, דער בית־דין אויסגעפֿונען: הגם דעם מיידלס רייד זענען פּלאָפּלערײַען און אָן אַ זינען, ווײַל זי איז שוואַכזיניק — פֿון דעסט וועגן האָבן מיר אַרויפֿגעלייגט אויפֿן אויבן דערמאָנטן ר׳ משה דעם גרויסן חרם, ער זאָל אויסזאָגן דעם אמת. און נאָך דעם ווי ר׳ משה האָט אויף זיך גענומען דעם גרויסן חרם, איז געבליבן אַז וואָס זי זאָגט אויף אים איז אַ ליגן, און ער דאַרף גאָרניט מער אויפֿקלערן. בכן האָט ער נישט קעגן זיך קיין שום טענה און קיין שום תּביעה און מען דאַרף נישט לייגן קיין אַכט אויף אירע רכילות. דער דאָזיקער פּסק איז אַרויס פֿונעם בית־דין הײַנט, זונטיק, עלף טאָג אין חודש אָדר שני תּקל״ב לפּרט קטן. דער בית־דין הרבני המופֿלג אַדוננו מורנו ורבנו הגאון אַב־בית־דין, דער אייבערשטער זאָל אים היטן און באַשירעמען, הרבני המופֿלג מורנו הרבֿ יודל מערכינגען און הרבני המופֿלג מורנו הרבֿ מרדכי ליוועך.